STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04895

# OYFN BERGL

A. M. Fuchs

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ruth S. Cohen*
*in memory of*
*Siegel & Cohen Families*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

856.

## פּרץ־ביבליאָטעק

די געקליבענע ביכער פון דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור

* * *

צוזאַמענגעשטעלט פון נחמן מייזיל און מלך ראַוויטש

2

א. מ. פוקס

# אויפן בערגל

דערציילונג

פאַרלאַג „פּרץ־ביבליאָטעק“ וואַרשע

הויפּט־פאַרקויף: צענטראַלער ביכער־לאַגער „קולטור־ליגע“ וואַרשע

קאנאדער אידישע ביכער אגענטור
CANADIAN JEWISH BOOK AGENCY
G. POMERANTZ
358 MARKHAM ST. TORONTO, ONT.

412

א. מ. פוקס

# אויפן בערגל

דערציילונג

פארלאג „פרץ-ביבליאטעק" ווארשע

קאנאדער אידישע ביכער אגענטור
CANADIAN JEWISH BOOK AGENCY
G. POMERANTZ
358 MARKHAM ST. TORONTO, ONT., CAN.

גערדרוקט: דרוקעריי „די וועלט״ ווארשע

אין עלף הונדערט עקזעמפּליאַרן

A. M. Fuks, Na pagórk

1924

Drukarnia „Di Welt“ Warszawa, Nowoilpie 7.



א. מ. פוקס (אברהם משה) געבוירן דעם 17 = טן אָקטאָבער 1890 אין יעזיערנא, מזרח=גאַליציע. וווינט אין ווין.—„איינזאַמע״—נאָוועלן. לעמבערג 1912. „דערציילונגען״. זעלן דערשיינען אין 1924 אין וואַרשע. באַטייליקט זיך: „שריפטן״, „צוקונפט״, „עפּאָכע״, „קריטיק״, „פאָרווערטס״, „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״ א. אַז. וו. איבער א. מ. פ. האָבן געשריבן: י. י. זינגער, משה גראָס, ש. ניגער, הלל צייטלין, א. צייטלין, משה זילבורג און פיל אַנדערע.

# 1

שוין פון דערווייטנס זעט בּריינדל, אַז דאָס זעקל בּיים טאַטן אויף די פּלייצעס איז ליידיק. איר פליישיק־צופּלעטשטע, שוואַרץ־אָפּגעבּרענטע נאָז טוט בּייז אַ זיפּ אַ קרום טוענדיק דאָס מויל. בּריינדל כאַפּט אַ שטיין און זי וואַרפט אים מיט כּעס דעם טרוקן פאַרבלאָטיקטן חזיר, וואָס איז גראָד דורכגעלאָפן און אַ ניוכע געטון מיט זיין שטומפּיקער שנויץ צו דער מולטער זעמל. דער חזיר אַנטלויפט טרעסענדיק די שווערע נאָכהענגענדיקע ציצן ביז צו דער ערד.

— אטשו . . . בּרענען זאָלט איר אַלע אינאיינעם . . .

זי זעצט זיך ווידער אַנידער אויפן האַלבּ־איינגעזונקענעם אַלטן קלאָץ, וואָס ליגט שוין דאָ כּמה וכמה יאָרן. פונם זיצן איז דאָ אויף אים אין דער מיט אַ אָפּגעריבן שטיקל אָרט, אויסגעהוילט, גלאַט, האַרט און גלאַנצענדיק ווי מערמלשטיין.

פרישע גרינע בּרייט צעוואַקסענע זאַפטיקע קראָפּיווע, שפּראָצט פון אים אַפיר, הילט אים איין אין גרינקייט, פלעכט אים אַרום, פאַרגנבעט זיך צו בּריינדלס פיס און טוט אַ פרישן בּרי דורך די זאָקן. בּריינדלס שוואַרצע שאַרפע נעגל קראַצן די פיס מיט כּח און ס'ווערן דאָרט קליינע ווייסע בּלעזלאַך. ווי תמיד זיצט זי אָנגעבויגן, איין אויג אַבּיסל צוגעקוועטשט דאָס מויל תּמעוואַטע האַלבּ־אָפן ווי בּיי אַ פיש און זי היט די מולטער מיט די קליינע האַרטע אַלטגעבּאַקענע זעמל, ווי די שטיינדלאַך, צונויפגעוואַקסענע צו פיר.

מ'לייזט נישט אַ גרייצער. ס'גייט נישט דורך קיין הונד אין דער געדיכטער גרינער ליידיקייט. אַמאָל נאָר דרייט זיך דורך אַ תּמעוואַטער צופליקטער בּאָרוויסער שייגעץ מיט אַ הוילן ווייס־פלאַקסן קעפּל. זיינע קליינע ווייסע אייגעלעך שלינגען די זעמל אין דער מולטער, ער דרייט זיך פאַרבּיי איינמאָל און נאָך אַמאָל, מיט דער

כונה צו לקהענען פון דער מולטער, אָבער בריינדל׳ס בליק שפּיזט אים נאָך פון דער ווייטנס, פון אַלע זייטן:

— גיי . . . גיי . . . אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ . . .

זאָגט זי שטיל צו זיך אַליין און זי מיינט דעם שייגעץ. זי זיצט און ציפּט מיט די ציין די שוואַרצע צוטראַסקעטע הויט פון אירע גראָבע הענט. זי הויקערט איין די פּלייצע, רוקט טיפער אַראָפּ די געלע פאַטשיילע, וואָס בריט אין קאָפּ אָנגעגליט פון הייסער פרי־לינגס־זון און זי טוט נישט קיין פּינטל מיט אירע גרויסע ווייסע אויסגעבלייכטע ברעמען, ווי די ברעמען פון אַ קו, אין דער פריש־זוניקער גרינקייט אַריין, וואָס צוואַקסט זיך אומגעזען, גלאַנצט ברייט, מיט פולער זאַפטיגקייט, אין די ריוועס, אונטערן בערגל, אויף די בוימער ביים זייט וועג, וואָס פאַרשטעלען די סטריכעס פון די איינגעהויקערטע קרומע יידישע דעכלעך, און מ׳זעט פון זיי אַרויס נאָר אַ שטיקל איינגעפאַלענעם קוימען. גאָר נאָענט שלייכט זיך אַצונד אַרויס דער טאַטע צווישן די ביימער, גאָר נאָענט בריינדלען פאַר די אויגן.

ר׳ שמואל־יאָסי קומט אַצינד אַהיים פונ׳ם דאָרף. איין כאַליעווע פונ׳ם שטיוול שטייט אַביסל אַוועק, דאָרט ליגט דאָס לייווענטענע שטאַרקע בייטעלע מיט געלט פאַרבונדען מיט אַ האַרט שטריקל, נישט קיין אָנגערירטס. די גוים, שרפהנען זאָלן זיי, זענען אַלע אין פעלד, ס׳איז „פּרעדנאָוויק״, פאַר׳ן נייעם, ס׳איז נישטאָ ווו צו פאַר־דינען אַ גרייצער.

פאַרבייגייענדיק טוט ר׳ שמואל־יאָסי אַ קרומען קוק פונ׳ם צוגע־קוועטשטן האַלבן האַריקן אויג זיינעם צו דער מולטער מיט זעמל און ער זעט, אַז זי איז פול. דער טאַטע מיט דער טאָכטער קוקן זיך נישט אָן.ביידע טון זיך אַביסל אַ בויג מיט בייזקייט און קוקן אַוועק אַהין און אַהער. ר׳ שמואל־יאָסי האָט נישט קיין נחת פון

ויין מוזינקע, פון ברײנדלען. זי זיצט און זיצט אויפ'ן קלאָץ, אין דעם אויסגעהוילטן האַרטן גלאַנציקן אָרט, ביי דער מולטער זעמל, זומער און ווינטער, יאָר אויס און יאָר איין און ס'נעמט זיך גישט קיין שטײן צו איר . . . אין גרינעם פאַרקאָוועטן קופּערט ליגט שוין פון אירעט' וועגן אויסשטייער, אַ פאַרגעלט שטיק לייוונט, גראָבע האַנטעכער, געלע ווי בלעך האַרטע נאַנקע אויף איינשיטן. פערקאַל מיט בלאָע קעס' טאַלעך אויף אַ קליידל

— זי וועט חתונה האָבן מיטן קלאָץ, בראַנדל . . .

רעדן ווייבערישע מיילער אונטן אין ראָזדינע.

— זי וועט פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ אַריין.

אָנגעבויגן, דעם צופליקטן גרינלעכן שפּעגצער אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקל, גייט דער ייד פאַוואָליע אַרויף אויפ'ן בערגל, פון וואַ' נען ס'ווייסן זיך פון צווישן די שיטערע קרומע גרינע ביימלעך די האָרבאַטע שטיבלעך פון ר' שמואל-יאָסיס משפּחה, זיין גראָליכע שפּיציגע באָרד איז אַראָפּגעלאָזט און ס'זעט אויס, אַז דער ייד זוכט עפּעס אויף דער ערד. און ער געפונט טאַקע. ער בויגט זיך שווער אָן, טוט אַ קרעכץ און הויבט אויף אַ שפּענדל, וואָס שטעקט אַרויס פון די טרוקענע ווייס-אָנגעגליטע בלאָטע-גרודעס און ער נעמט דאָס מיט אין שטוב אַריין.

אין שטוב קנעט די אַלטע שמואל-יאָסיכע די ברייטע דיזשע טייג ווי תמיד מיט איין פויסט, כסדר אַרויס און אַריין. איר פאַרמעליגטע נאָז איז מיד גישט אויסגעשלאָפן, פאַרהאָרעוועט. זי דרייט ארויס די פויסט טייג פון דער דיזשע, האַלטנדיק זי אין דער לופטן און זי זאָגט:

— הערסט, שמואל-יאָסי, די בלינדע חיה איז דאָ געווען, זי האָט, זאָגט זי, אַ קאָזלעוועור שדוך פאַר ברײנדלס וועגן . . . הערסט שמואל-יאָסי ?

אבער דער ייד הערט נישט. ער שטייט אין מיטן שטוב, אונטער־שפּאַרנדיק מיטן קאָפּ די האַרבאַטע בלויע סטעליע, און ער שיט אויס דאָס זעקל, וואָס ס'האָט זיך פריר געדאַכט, אַז ס'איז ליידיק. ער טאַפּט מיט זיינע ברייטע האָריגע פינגער די ביינער און שמאַטעס, וועגט זיי לאַנג אויף'ן קאָנטראָל, */ אויפגעהאָנגען אויפ'ן גראָבן פינגער, האַלטנדיק בשעת מעשה צוגעמאַכט איין אויג, און דערנאָך גלעט ער מיט צערטליכקייט דאָס פּאַרטרוקנטע קנאַקעדיקע האָזען־פּעלעכל און טוט דאָס אַ קער איבער מיטן אינווייניגסטן ארויס, ווי אַן אַרבעל.

— הערסט, שמואל יאָסי . . . מ'רעדטאָך עפּעס צו דיר . . . שמואל־יאָסי . . .

ר' שמואל־יאָסי ענטפערט נישט. ער דרייט אויס פּאַוואָליע דעם קאָפּ און טוט אַ לאַנגען שטומען בייזן האַלבן קוק אויף זיין יידענע, וואָס בעבעט דאָרט גאַרישקייטן. ער האָט פיינט, דער אַלטער ייד, אַז מ'רעדט פּוסטע רייד און ער גלייבט נישט אין גאָר נישט. ווער, וואָס, ווען. די עלטסטע טאָכטער, שיינדאַלע, אַ ברייט ווייבל מיט אַ שפּיציגער נאָז און שפּיזעדיקע בליקלעך קומט אַריין, מיט די טרוקן פּאַרטאַלאַפּעטע קליידלעך אונטערגעהויבענע און פּאַרשטעקטע איינס איבערס אנדערע אויפן הויכן שפּיציגן בויך. אויף די הענט ביי איר זיצט אַ פּאַרשמירט קינד אין בלויזן קורצן סטענדעל מיט אַ גראָ־געדעכט פּאַרכל אויפן קעפּל. אַ גרעסערס אַ ביסל, אַ באָר' ווערס מיידאַלע מיט אַ דין גרין צעפּל, ווי דאָס עקל פון אַ מייזל, האַלט זי ביים פּאַרטעך. שיינדאַלע סוד'עט זיך מיט דער מאַמען:

— ווער? די בלינדע חייעטשקע? . . . אַ רעכטע שדכנטע . . . זי קען צונויפפירן די וואַנט מיט יענער וואַנט . . . איי, איי, מאַמע . . . זי איז אַ מאַכליאַרקע און אַ גרויסע גנבטע . . .

*/ אזא אַטאָמאַטישע וואָג.

ר' שמואל יאָסי טוט מיט נייגעריגקייט אַ שטעל אונטער אַן אויער און ער פרעגט:

— וואָס איז עפּעס דאָרט'ן וואָס?

— גאָר נישט, טאַטע . . . ער וויל שוין וויסן . . . אַז דו וועסט נישט וויסען וועט זיין אַ לאָך אין בוידעם. — שיינדאַלע טוט ווי איר שטייגר איז, אַ פּאָר אָב דעם טאַטן מיט איר שאַרפן צינגעל אין קרומען פּיסק, וואָס ט'איז נישט כדאי אין אים אַריינצו־פּאַלן און וואָס ס'קנאַקט פון אים תמיד אַרויס אומגערעכט מיט פייער, ווי פון אַ ביקס, אין מאַרק, ביים קצב און אין געוועלבעל קען מען זי, איר פּיסק און אירע לעפּקע הענט און מ'קוקט איר אין די הענט אַריין און מ'היט . . . שיינדאַלע קומט אַלע מאָל צו דער מאַמען זוכען אירס אַ טעפּל.

— עך ליי נישט ביי דיר קיין טעפּלאַך, זי קומט שוין ווידער זוכען . . . זאָגט די מאַמע, קוקענדיק מיט אַ שאַרף פאַרדעכטיג אויג, אַהין ווו די טאָכטער זוכט אַרום אין די ווינקלען אָנגעוואָרפן מיט שמאַטעס, אַלטע זעק, שטרוי. די מאַמע ווייסט, אַז ביי דעם דאָזיגן זוכן וועט שוין עפּעס אַהינקומען: אַ פּאָרל זעמל, אַ האַנטעך, אַ טעפּל . . .

באַלד זיצט שיינדאַלע ביי איר יונגערער שוועסטער רייצען, אויף דער געלער פּריזבע און זי רעדט אַביסל. ביידע שוועסטער שנייצן זיך די נעז אין די פאַרטעכער, האַלטן די קעפּ נעבן אַנאַנדער און רייצע דערציילט שניידענדיק גרינע יונגע ציבאַלעס אין טעלער אַריין:

— הערזשע שיינדאַלע . . . חלומט זעך מיר די מומע עלקע . . . כ'האָב געדענקט, אַז זי איז געשטאָרבן . . . מומע עלקע . . . זאָג איך . . . מומע עלקע, וואָס וויינט איר? . . . „נאדיר ראצע"... זאָגט זי . . . אָט דאָס טאַרבאַלע מיט מעהל . . . גיב דאָס אָב

בראַנדעלס חתן . . . ער זיצט אויפ׳ן הייליגען אָרט . . . ווערט אים דערקענען . . . ער איז אַ בלינדער אויף אַן אויג . . . וואָס זאָגסטו עפּעס, שיינדל, צו אזא חלום? . . . ס׳זאָל נאָר אויסגיין צו גוטן רבונו של עולם.

ביי ביידע ווייבלעך זענען די מיילער פאַרשפּיצט און די אויגען פאַרנעפּעלט, זיי הייבן די פאַרשמירטע קליינע קינדערלעך אין די קויטיקע סטענדלעך וואָס קריכן אַרום אויף דער ערד, אויף אַלע פיר, ווי זשאַבעס און זיי רעדן נאָך לאַנג לאַנג פּלאָטקעס, סודות, זיפצן, קלאָגן זיך אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו קאָכן וואַרעמעס . . די קינדער רייסן די הויט עסן. דער מאַן קומט באַלד אַהיים פונם דאָרף אויסגעהונגערט ווי אַ וואָלף . . . מ׳פאַרדינט נישט אַ זעק׳ סערל . . אַ צייט אַ ביסל . . . פרעדגאָוויק . . . איי גאָטיניו! . .

באָרוועסע יינגלעך מיט צופליקטע דאַשיקעס פאַרוואָרלייזטע מיידלעך מיט גראָבע פיסלעך קומען אַלע מאָל אָנגעלאָפן פונ׳ם געיעג, פאַר׳ סאַפּעט, פאַרבלאָטיגט די אייגלעך בלישטשן מיט פייכטיגקייט, זיי שלעפּן די מאַמעס ביי די קליידלעך, רייסן די הויט און מאָנען:

— מאַ — מ — ע ע — ע — ס — ן . . .

פון דער ווייטנס חערן די טעכטער ווי די מאַמע רופט דעם טאַ׳ טען, דאָס קול דריידלט זיך צווישן די גרינע ביימער:

— שמואל־יאָסי, גיי עסן, שמואל־יאָ — אָ — אָ — סי . . . — אָבער דער טאַטע הערט נישט. ער האָט אַ טבע אקוראַט דעמולט, ווען דאָס עסן שטייט אויפ׳ן טיש, צו זיצן צווישן די גרינ־צוואַקסענע הויכע ווילדע געוועקסן נעבן פּלויט, פאַרטראָגקען אין די בייסנ׳ דיקע קראָפּעוועס צווישן די בלעטער און צו טון זיין באַדערפעניש.

שפּעטער אַביסל זיצט ר׳ שמואל־יאָסי ביים טיש און עסט אָנ׳ בייסן פון אַ גרויסער פאַרענדיקער ערדענער שיסל מיט באַבולע־ יושקע ער פירט פאַוואָלע דעם האָלצערנעם לעפל אַרום און אַרום

דעם ברעג פון דער שיסל, בלאָזט אין אים פּאַוואָליע באַדעכטיג מיט דער אייבערשטער איינגעטונקענער וואָנצע, וואָס אין דעם דאָזיגען בו דנכטיגען בלאָזן אין הייסען לעפל געקעכץ אַריין, ליגט די גאַנצע הנאה פונ׳ם לעבן. און ס׳דאַכט זיך, אַז ס׳וועט זייער לאַנג דויערן, ביז ר׳ שמואל יאָסי וועט אָבעסען אזא שיסל געקעכץ קיין עין הרע, אָבער אין אַ רגע אַרום איז די שיסל ליידיג, ריין און טרוקען. דער בלאָער אופגעמאלענער האָן גלאַנצט אַרויס פונ׳ם דנאָ.

ר׳ שמואל-יאָסי גלעט זיך אָב די באָרד און בענטשט. פּאַוואָליע מיט רחוה דאַנקענדיק גאָט פאַר׳ן לעבן און פאַר׳ן שפייזן.

דערנאָך הויבט ער זיך אויף מיט אַ רויטער, פאַרשוויצטער און זאַטער נאָז, הייבט אונטער אין דער העלפט איין פוס און ס׳טוט פון אים אַ הילך, אַז ס׳טרעסן זיך אַזש די שויבן.

די הינער דרייען זיך פויל, שלעפעריג אַרויס און אַריין אין דער ליידיגער זומערדיגער שטוב. זיי קאָדקעדאַקען, שרייען הויך, פאַזאָרגט און מיד, מיט אויסגעצויגענע קעפלעך. איינע אַ געל-געפלעקטע מיט אַן אונטערגעריסענעם עק פליט אַרויף אויפ׳ן הויכן אָנגעבעטן בעט און זי זוכט אַן אָרט אויף צו לייגן זיך. ר׳ שמואל-יאָסי טוט זי אַ כאַפּ, טראָגט זי מיט ליבשאַפט און צערטליכקייט איןביידע הענט און וואַרפט זי אַריין אין פינסטערן לאָך צווישן אויוון.

דערנאָך נעמט דער ייד די לאפּעטע און גייט אַביסל ארויס אין גאָרטן, אונטער דער שטוב. ברייט, זיכער, די יארמעלקע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ אין די הוילע העמד-אַרבל צוגראבט ער מיטן רוסקאל אַ שטיקל גראָזיגען אָרט, גראָבט אונטער די גרינע קרייטעכצער און יונגע געוועקסן אויף די בייטן, וואָס וואַקסען און שפּרייטן זיך. די פיינע צארטע בלעטער ווערען אומגעזען יעדע רגע ברייטער און גרעסער. זאַט-גרין לייכטן זיי אין ווייסן הייסן טאָג אַריין.

ער רייסט אויס די זאַפטיגע שטעכיגע באַדיקעס און קראַפּעווע, דאָס אומקרויט, פּאַטשט מיטן רוסקאַל אין דער ברייט די פרישע, שוואַרצע, קלעפּיגע ערד און טרייבט אַרויס אַ היין פונם גאָרטן.

— אַ הושאנא . . . . .

אַ קליינער פּעמפּיק, אַן אייניקל, מיט אַ נאַקעט פאַרשמירט הויך בייכל, אַן ציינדעלך פון פאָרנט, קריכט אַרום אין גאָרטן צווישן די בייטן. ר׳ שמואל-יאָסי קוקט זיך נישט אום און שרייט:

— אַהיים גיי, ממזר . . . קריכן אַרום אין גאָרטן . . . טרעטן אויס דעם גאַנצן גאָרטן . . . דאָס קליינע האָט מורא פאַר׳ן זיידן און אַנטלויפט. ר׳ שמואל-יאסי לויפט אים נאָך, כאַפּט דאָס און פּאַטשט דאָס אויפן געזעסל. דערנאָך קוועטשט ער צונויף זיינע האָריגע לאַנגע גראָע ברעמען און ער שטרעגגט זיך אָן צו דערמאַנען, וועמעס דאָס קליינע איז: מענדל-הערשס, שיינדלס, עלי-נחום׳ס, צי ראַצעס . . די פייגל פּיקן שוין די רויטע מאַרעלן אויף דיביימער, פייפן פליען צווישן די שאָטנדיגע צווייגן און טשיבען זיך איינס דאָס אַנדערע. דער זיידע קוקט לאַנג אָן דאָס אייניקל, זיין האָריג פּנים ציט זיך צונויף אין אַ האַלבן קרומען שמייכל אַרויפצוצו און ער זאָגט זיין איינציגע חכמה:

— האַ, די שקץ איינער . . . ס׳טגיין אין קעסטעל אַריין . . .
ס׳טגיין הא . . אַ קליין קעסטאַלע, אַ קליי — נס . . . * /

איין אויג צווישן די געדעכטע גראָע האָריקע ברעמען ווערט אַביסל קלענער און ציט זיך אַרויף אין דער קרום אין אַ האָריק גע־לעכטערל, וואָס ס׳זעט אויס, ווי דער אָנהייב פון וויינען, דאָס איי־ניקל לאַכט אויך מיט זיין צופּלעטשטן נאַסן נעזל און איין אייגל איז ביי אים אויך אַביסל קלענער, האַלב-צוגעמאַכט און פאַרוקט קרום אַרויף, פונקט ווי ביים זיידן.

---

* / דאָס מטה׳לע פאַר קליינע קינדער-מתים.

דער זיידע הייבט דערנאָך אויף דאָס אייניקל, שטעלט דאָס אנידער אויף אַן אונטער־געהאַקטן קלאָץ און ער הוידעט זיך אין פרייד, זינגט אונטער מיט זיין האַלב פאַרשלונגענעם, אַלטן, וויינענדיגן קול:

— האָפּס — אַק מיטן לאַנגען לאַבצודאַ — אַ — אַק, מיטן גרויסן ספּאָדאַ — אַ — אַק . . .

אין מיטן דערינען נעמט ר׳ שמואל־יאָסי לויפן אין שטוב אַריין, די פּלייצע איינגעבויגען, די באָרד אַביסל אויפגעשטעלט מיט אַ שפּיץ. אַ ברייטע באָרוועסע שיקסע מיט פלאַקסענע ברעמען איז אַריינגעקומען אין שטוב אריין און זי שווייגט. ר׳ שמואל־יאָסי נעמט זי אַרונטער אין ווינקל אונטערן פּעקאַלעק. און באַלד וועגט ער שוין אויף איין פינגער, צומאַכענדיג איין אויג, דאָס גנב׳ישע טאָרבאַלע געערשטן, וואָס די שיקסע האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַזעכע. און ער דינגט זיך מיט דער שיקסע זייער לאַנג, סוד׳עט זיך מיט איר אָנגעשטרענגט אין דער שטיל מיט אַ בייזער:

— עך זאָג דיר, באַרישע גויע . . . נעם געלט . . . געזונט זאָלן מיר אַזוי זיין . .

אָבער די שיקסע קווענקעלט זיך. זי האַלט דאָס טאָרבעלע אין איין האַנט און אין דער אַנדערער פּילט זי די קופּערנע קילקייט פון די גרייצערס, וואָס ר׳ שמואל־יאָסי ציילט און שטופּט. אַם ליבסטן וואָלט זי געוואָלט צוכאַפּן דאָס טאָרבאַלע מיטן געלט און אַנטלויפן. אָבער דער ייד רייסט מיט זשעדניקייט דאָס טאָרבאַלע פון דער האַנט און באַלד איז דאָס נישטאָ, ס׳ליגט שוין באַהאַלטן אין ווינקל צווישען זעק און שמאַטעס אין אַ פּעסל. און די שיקסע גייט אַוועק פּאַוואָליע אָפּגענאַרט, מיט צעגערנדער חרטה אין אירע גראָבע פאַרבלאָטיגטע באָרוועסע קורצע פיס.

פון דרויסן הערט זיך ווי מענדל־הערש, ר׳ שמואל־יאָסיס עלטסטער

זון, וואָס גייט שטענדיק אַרויס צו יזכור מיטן טלית אויפ'ן קאָפּ אין פּאַליש אַריין צווישן די בחורים — גייט און שילט. ער גייט אָנ׳עבויגן, אַראָפּגעלאָזט די קיילעכדיקע געשטופּעלטע נאָז צו דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, טייטלענדיק מיט זיין שפּי־טערער געלער האַרטער האָראָפּאַשנער באָרד. דער צופּליקטער שפּענצער, וואָס ס׳קוועלט פון אים אַרויס די געלע וואַטע אויף דער פּלייצע, איז ביי אים אויפגעהאָנגען אויף איין אַקסל איבער די אָנ׳געפּעלצטע קויטיקע לייבלעך און ער שילט, רעדנדיק צו זיך אַליין מיט זיין האַלבן היקעוואַטן אומפאַרשטענדלעכן קול זיינע בנים אינאיינעם מיטן ווייב:

— אַז ס׳וויל זיי אפילו נישט שטיין בלייבן אין האַלז . . . נאָר פרעסן און פרעסן . . . אַזוינע געזונטע גוים . . . אַ גאַנצן טאָג נאָר מ׳פרעסט . . . אַז זיי ווילן גאָר נישט דערוואָרגן ווערן אַלע אינאיינעם . . . אָט מען געזען אַזוינס . . . קישקעס אָן אַ דנאָ . . . אַזוי עסן אָב עך נאָך נישט געזען . . . עך בין דאָך שוין עפּעס נישט קיין נעכטיגער . . .

אָבער מענדל־הערש מיינט נישט דאָס. ער קומט איצט צום טאָטן זיך קריגן וועגן דער שיקסע . . . ס׳איז זיין שיקסע, פּאַראַשקע, זי ברענגט תמיד צו אים . . . מ׳רייסט אַרויס דעם ביסן פונם מויל . . . מ׳לאָזט נישט לעבן . . . מ׳וויל פאַרזשערען די גאַנצע וועלט . . .

— הערסט, טאַ — אַ — אַטע . . . ווערסט נישט האָבן קיין גוטן סוף, זאָג עך דיר . . . הערסט . . . דעם זונס נידריקער האַרטער קאַרק, וואָס איז געקאַרבט באַוואַקסן, ווי אַ קלאָץ מיט מאָך, איז איצט רויט פון כעס. ער רעדט און שילט, הייבט אַלע מאָל די הויזן, וואָס זענען גאַנץ נידריק אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקל:

— עך זאָג דיר, טאַטע, וועסט נישט האָבן קיין גוטן סוף . . . הערסט, טאַטע . . . דער טאַטע ענפערט נישט קיין וואָרט. וואָס אַרט דאָס אים אַז יענער בעבעט? זאָל ער בעבען ביז מאָרגן. ער פּאָרעט זיך אין די ווינקלען ביי זיינע זעק און שמאַטעס און ער פלאָנטערט אויף אַ שטריק. די אייניקלעך, מענדל־הערשס בנים, גרע־סערע און קלענערע, צופליקטע באָרוועסע מיט פאַרשמירטע שוואַרצע נאָ־סע נעזלעך שטיין און גלאָצן ביז מיט די אויסגעהונגערטע אייגלעך, גרייט ווי די הינטלעך אָנצופאַלן אויפן זיידן, אַ כאַפּ צו טון אַ זע־מאַלע. דער זיידע קוקט זיך נישט אום און שרייט: — ממזרים, אַהיים גייט, כ׳על אייך נהרגען . . . אַ אויסגעצויגענער שאַרפער קוויטש שניידט זיך דורך דער אָפענער טיר. בלומעטשקע, די שנור, מענדל־הערשס ווייב, פאַלט אַריין מיט אַ פאַליש:

— הערט איר, שווער, אירט נאָך נישט אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פיס, שווער, . . . אירטס נאָך אַוועקגעבן דעם דאָקטאָר . . . דעם דאָקטאָר . . . נישקשה . . .

זי האַלט ביידע הענט אויפן הויכן בויך, וואָס איז אויף דער צייט און אירע בלויע דינע ליפּן ציטערן פון כעס. פון די אויגן שפּריצט פייער־פונקען און זי קוויטשעט:

— איר הערט, שוויגער . . . איר וועט נאָך אַזוי גלאַט נישט אָפּשניי־דען . . .

די שוויגער וויל שרייען, זיך קריגן. איר נאָז קרומט זיך, בייז, אָנמעכטיג. זי פאַרהוסט זיך און כרעקעט:

— איר זאָלט אַזוי כח האָבן צו לעבן, רבונו של עולם, ווי כ׳האָב כח איינצושטיין אויף מיינע קראַנקע פיס . . . וואָס האָבן זיי זיך פאַרלייגט, די רויבערס, די מערדערס . . .

די קולות טראָגן זיך פונם בערגל אַראָפּ איבער די שוואַרצע קרומע דעכלעך, וואָס דרעמלען אָנגעבויגענע אין דער זוני־

קער פרילינגס־צייט, דאָרט אונטן אין ראַזדינע. אַ ייד מיט אַ לייבצו־דעקל איבער די הויזן קומט אַרויס אויף דער טיר פון זיין געוועל־בעל, אונטן ביים וועג און ער זאָגט אין שטוב אַריין צום ווייב:

— אויפן בערגל איז שוין פריילעך . . . אויפן בערגל . . .

ברײנדל האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אױפגעהױבן פֿונעם קלאָץ און אַרויפגעקוקט, זופענדיק בייז מיט דער נאָז. זי הערט, וואָס ס'טוט זיך, אויבן אין שטוב. מ'קריגט זיך . . . און זי ישובט זיך נאָך מיט דער דעה, צי זי זאָל אַרויפגיין זיך קריגן, צי נישט. נאָר אַז זי זעט פונדערווייטנס דאָרט אויבן צווישן די ביימלעך זיך פאַרביי־טראָגן דודזיעס ברייטע פלייצע, כאַפּט זי די מולטער זעמל און לאָזט זיך אַרויפלויפן אויפן בערגל. דודזיע, מענדל־הערשס עלטע־רער זון וויל נישט זיין קיין לייט. ער גייט שוין נישט מער אין חדר אַריין, וויל נישט העלפן דעם טאַטן צוהאַקן אַ שטיקל האָלץ און אַרויפברענגען אַ קאַן וואַסער. ער דרייט זיך אַרום פוסט און פּאַס אין מאַרק צווישן די געוועלבלעך באָרוועס מיט אויסגעצויגענע לאַנגע הענט פון די צוקערצע צופליקטע אַרבל און די סעדעכעס קוקן אים נאָך מיט אַ פאַרדעכטיג אויג. אַ גאַנצן טאָג קנייפּט ער אַ שטיק שוואַרץ ברויט פון דער קעשענע, פינטעלט מיט זיינע שמאָלע פאַרוואַקסענע אויגן־שפּעלטלעך, איינגעבעטע אין די גראָבע באַקן, שמאָל שאַרף, ווי אויפגעשניטן מיט אַ מעסער און ער שלאָגט זיך מיט שקצים. אַ שיינער תכלית קען זיין פון אַזאַ יונגאַטש. ער איז איצט געשטאַנען מיט אַן אויסגעבויגענעם פעסטן גרויסן קאָפּ, ווי אַ ביק, און רציחה'דיק געקוקט צום זיידן, גרייט דעם אַלטן ייד דורס צו זיין. אָבער ברײנדל איז שוין געווען אויבן. איר גראָבער היקעדיקער מאַנסבילשער קול האָט אַריינגעשריגן מיט שווערקייט, געקריגט זיך אין רעדל, געשאָלטן מיט טויטע קללות:

— פאַרברענט, פאַרשרפהט אַלע אינאיינעם . . . זי איז געשטאַנען

אין דער אָפענער טיר אַרויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און איר שוואַרצ־אָפּגעבּרענט פּנים איז געווען איצט האַרט און האַרב, ווי אַן אַלטער רע׳טעך, די נאָז זופט בייז, הויך, דער קולאַק איז אויסגעשטרעקט, די ווייסע בּרעמען פינטלען און זי שרייט:

— אַרויס פונדאַנען, גנבים . . אַ בּראָך אין די קישקעס . .

בּריינדל כאַפּט אַ שטעקן און זי לויפט נאָך אַ שטיק וועגס ואָך דו זיען. אָבער דודזיע איז פלינקער. ער לויפט, קערט זיך און כאַפּט זיך אַרונטער בּריינדלען אונטער די פּלייצעס און טוט איר עטלעכע מאָל אַ קאַדויטש מיט זיין האַרטן קולאַק אין קאַרק אַריין. בּריינדל טוט אַ מרוק שווער, ווי אַ קו, זי כאַפּט אַ שטיין, אָבער דודזיע איז שוין נישטאָ און זי בּלייבּט שטיין און זי קוקט מיטן גאַנצן אָנמעכטיגן צער פון דער אומבּאַהאָלפענער שטומער בּהמה, וואָס טליעט אין אירע ווייסע פאַרצאָרנטע שטומפּיקע אויגן.

צוביסלעך ווערט שטיל אויפן בּערגל מענדל־הערש מיט זיין ווייב זענען אַהיים געגאַנגען. די אייניקלעך זענען אַנטלאָפן. בּריינדל נעמט די מולטער זעמל צוריק אַראָפּצוטראָגן צום קלאָץ. אין דער טיר בּאַגעגענט זי זיך מיטן טאַטן. ר׳שמואל־יאָסי בּינדט זיך אונטער די הויזן. בּלייבּענדיק שטיין אַ רגע, טוט ער אַ קרומען האַלבּן קוק אויף זיין מוזינקע און דערמאַנט זיך, אַז מ׳האָט זיך היינט עפּעס געשושקעט אין שטוב וועגן איר, בּריינדלען, עפּעס אַ שידוך רעדט מען איר דאָרט מיט אַ בּעקר־יונג פון קאָזלעוו, אָבער ער ר׳ שמואל־יאָסי, גלייבּט נישט אין דער גאַנצער מעשה. ווייסעך וואָס, ווען. ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט:

— או . . . או . . . מויד . . .

## 2

די שטוב איז געווען אויסגעקערט און די אינדערפרידיקע זומער-זון האט קרומלעך-רויט געלויכטן אויף דעם רויטן געבלומטן טיש-טוך, וואס איז געווען פארשפרייט אויפן טיש. די אלטע שרה די בעקערין איז געזעסן אין שבתדיקן פארטעך אויף דער שוועל און זי האט געשיילט קליינע פרישע יונגע בולבעלעך, אויסגעגראבענע שוין פונם אייגענעם גארטן, אין א גייער גרויסער ערדענער שיסל אריין און ס'האט געשמעקט מיט גאסט און ערב שמחה. די ווייבער, די שנור און די טעכטער, האבן זיך געדרייט היינט פרייער ווי אלע מאל ביי דער מאמען אין שטוב, אין זייערע וואכנדיקע פארטאלא-פעטע און אונטערגעשטעקטע קליידלעך, אבער אויף די קעפ האבן זיי שוין געהאט אנגעטון די שבתדיקע פאטשיילעס מיט בלאע אויג-לעך און רינגלעך, און די הינער האבן שוין פארגנבעט געפיקט די צייטיגע קוקוריזעס אין גארטן, געפארפעלט מיט די פיסלעך די קא-רעניעס פון די געלע געוועקסן און די עפל אויף די ביימלעך זענען אראפגעהאנגען שווער צייטיק מיט רויטע בעקלאך אקעגן דער זון זאפטיק און קיל. גאנץ פרי נאך איז געקומען צולויפן די בלינדע הייעטשקע אין דער שאל, א קליינע שווארצע יידענע, ווי אן אלטע ווארנע, מיט רויטע צעיאטערטע אויגלעך און מיט א שארף שפי-ציק מארדעלע, ווי דער הארן פון א האלבער לבנה. זי האט זיך געסודעט מיט שרהן דער בעקערין אין ווינקל ביים אויוון און גע-רעדט, גערעדט גיך און טשיפליאווע אונטערן ציינגל:

— אזא יאר צו אונז אלע, רבונו של עולם . . . אזא יונגער מאן . . . אין א גאלדן הייבעל איז זי געבורן געווארן, ביי אייך אייער בריינדל . . . כ'לעבען . . . אזא שידוך . . . א גאלדערנער שידוך . . . וואסושע אזא גרויסע מציאה ביי אייך, בראנדל . . .

הכלל, ער קומט הײנט . . . ער זאָל נאָר קומען . . . כ׳זאָג אײַך דעם אמת . . . א בעל מלאָכה . . . מלאָכה מלוכה . . . אירט אים אויפשטעלן אַ דאַטשן אויוון און ער וועט שפּינען גאָלד . . .

ר׳ שמואל־יאָסי איז דעמאָלט געשטאַנען אײַנגעהילט אין פּאַרסמאָל־צעוועטען טלית, וואָס פּאַר אַלטקייט האָט מען שוין נישט אַרויס־געזען די שוואַרצע פּאַסן, מיטן מעכטיגען של ראש אויפן הויכן צוקנייטשטן שטערן און ער האָט געדאַווענט, געהוידעט זיך און מורמעלנדיק מיט די ליפּן האָט ער בגנבה געהאַלטן אונטער־געשטעלט אַ האָרכענדיקען אויער און געהערט אַלצדינג, וואָס ביידע יידענעס רעדן. אָבער ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער נאָכן דאַווענען זיך אָפּגעגאָסן ביים צובער די הענט, אָפּגעווישט זיי אין דער פּאָלע, אָפּגעגעסן אָנבייסן, גענומען דאָס זעקל אויף די פּלייצעס, דעם קרומען שטעקן אין דער האַנט, אַ קוש געטון די מזוזה:

— אַ גוטן טאָג . . .

און ער האָט בדעה געהאַט, ווי אַלע טאָג אוועקצוגיין אין דאָרף אַריין.

— שמואל־יאָסי, וווּ גייסטו. ווּ . . . בלייב אין דער היים . . . זע נאָר ווי ער דראַלעט . . . אַ טאַטע איז דאָס ביי לאַט . . . אַ שיינער טאַטע . . . דו הערסט נישט וואָס ס׳טוט זיך . . . ס׳דאַרף דאָך קומען דער חתן בראַנדלס . . . האָט געזאָגט די יידענע און זיך פאַרהוסט. ר׳ שמואל־יאָסי האָט געשוויגן. דערנאָך אָבער האָט ער זיך אומגעקוקט, פון דער שוועל צום ווייב, ביז מיט אַן אויפגעהויבענער באָרד און געברומט פאַרקוועטשט מיט זיין האַלבן וויינענדיקן קול:

— או . . . או . . . יידענעס . . . נו, נו . . . אַ שיינע מעשה . . . נו, נו . . . זיצן אינדערהיים . . . איסט טאַקע האָבן פּרנסה אַז

וועסט זיצן אין דער היים· און ער איז אַוועק געגאַנגען: געקראָכן אָנגעבויגן צווישן די גויעשע שטובלעך אונטער די געלע צעשויבערטע זאַטע גאָרטנס, אַוועק געטריבן אַ הויקעדיקן הונט מיטן שטעקן, געפונען אַן אַלטן קנאָכן און אים באַהאַלטן אין זעקל אַריין. ער איז געגאַנגען דורך די מעזשיס, צווישן די פּלויטן, אָבער פון מיטן וועג האָט זיך דער ייד פּלוצים אומגעקערט. ער האָט נישט געקענט גיין היינט אין דאָרף אַריין. ער איז אַהיים געקומען און געשוויגן. פאַרגנבה׳עט האָט ער אַלע מאָל אַ קוק געטון אויף ברײַנדלען וואָס היינט האָט זי נישט אַראָפּגעטראָגן די מולטער זעמל צום קלאָץ זיצן׳ זי האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק אין שבת׳דיקן קליידל מיט רויטגעלע קעסטאַלעך, אָבגעצוואָגן מיט אַ דינעם נרינלעכן גלאַטיק האַרט־פאַרפלאָכטענעם צאָפּ אויף דער פּלייצע און זי האָט געהאַלטן אירע גראָבע שוואַרצע צוראַפּעטע הענט אויפן בויך. ברײַנדל איז נישט געווינט געווען אין אַ וואָכעדיקן טאָג זיך צו זען פאַרפּוצט. זי האָט געשמייכעלט מיט אירע גרויסע פערדישע ציין און אירע אויערן, וואָס זענען געווען ליכטיגער ווי דאָס שוואַרץ־אָפּגעברענטע מיט־פּנים זענען אַוועק־געשטאַנען ווי די אויערן פון אַ טאָפּ, זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַרן טאַטן און פאַרן חתן, וואָס דאַרף זי קומען אָנקוקן היינט, און ערשט אַצינד, אַרומדרייענדיק זיך אין דער־וואָכען אויפגעפּוצט, האָט זי געפילט דעם גאַנצן טעם פון דער פרייקייט זיצנדיק אויפ׳ן קלאָץ ביי דער מולטער זעמעל, אָנגעבויגען, מיט דער פאַטשיילע איבער די אויגן. מיט אומרויקן פאַרשפּיצטן חשד, האָט זי נאָכגעקוקט די ווייבער, די שוועסטערס און שוועגערינס פונם בערגל, וואָס האָבן זיך דאָ היינט מער ווי תמיד געדרייט אַרויס און אַריין אין דער ליכטיק־זומערדיקער ליידיקער שטוב מיט די אָנגעבעטע הויכע בעטן ביז צו דער סטעליע. די ווייבלעך האָבן גאַנץ פרי אָפּגעקאָכט אָנבייסן

אויסגעקערט די שטיבער און זיך געריכט אויף אַ שמחה. עטלעכע מאָל האָט דודזיע זיך שוין פֿאַרגנבעט אין פֿאָר־הויז אונטער דער לייטער, אַ שלעפּ געטון ברייִנדלען ביים צאָפּ, אַנטלאָפֿן אַביסל און אַרייַנגעטייטעלט מיט אַ פֿינגער גלייך אין פּנים אַרייַן מיט אַ צו־שפּרייטן תּמעוואַטן געלעכטערל:

— קוק זי נאָר אָ — אָ — אָן בראַנדאַלע . . קלאָ — אָץ . . .

די מויד האָט זיך נישט געפֿונען קיין אָרט, ווי אַ הין וואָס דאַרף זיך לייגן, זי האָט זיך געדרייט אַרויס און אַרייַן פֿון דער שטוב אין דרויסן אַרויס מיט אומפֿאַרשטענדלעכן דערוואַרטענדיקן צער אין די אויגן און זי איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם. עס האָט זי געאַרט, וואָס דער טאַטע איז הייַנט נישט געגאַנגען אין דאָרף אַרייַן. וואָס דרייט ער זיך עפּעס אַרום אין דער היים וואָס? . . .

— בראַנדל! ווו ביזטו ערגעץ ווו . . . מויד . . . האָט דער טאַטע גערופֿן די טאָכטער. ער האָט געזוכט די האַק און איז געגאַנגען אין גאָרטן אַרייַן מייסטרעווען ביים שטעלעכל זייַנעם, וואָס איז געשטאַנען אויף ליידיקע פֿיר דרענגלעך אָן ווענט. און נאָר דאָס שטרויענע דעכל איז געהאָנגען אין דער לופֿטן ווי אַ יאַרמעלקע און אויסגעשפּיצט אונטער זיך אַ קרומען דריישפּיציקן שאָטן אין דער הייסער זומער זון. די הינער האָבן זיך אונטער דעם מיט באַגערונג געריבן די בייכער אין פּאָרך, אויסגעטרעסעט זיך און ווידער זיך אייַנגעניאָרעט אין קילן שאָטן.

שוין אַ סך יאָרן, אַז ר׳ שמואל־יאָסי בויט דאָס דאָזיגע שטעלעכל. ער דינגט אַלע נאָך פּסח אַ גוי אויף אַ טאָג און אין די ליידיגע ווענט וואַקסן אַרייַן שמאָלע אָפּגעטעסעטע דרענגלעך, אָבער בייַנאַכט קומט דער שכן פֿון יענער זייַט פּלויט, ר׳ יחיאל סטאָלער מיט זייַנע בנים, די סטאָלערייונגען מיט גראָבע פּאַרטוכער אויף די לענדן און הובלינקעס אין די קעפּ און זיי וואַרפֿן

אום דו דרענגלעך. ר׳ יחיאל וויל נישט, אַז די סטריכע פֿון ר׳ שמואל־יאָסיס שטעלעכל זאָל אַריבער קוקן צו אים אין גאָרטן אַריין.

— ווען דאָ אָ וועט האָר וואַקסן — זאָגט ער, ווייזנדיק אויף זיין האַרטער שוואַרצער און צוטראַסקעטער דלאָניע, ווי די פּאָדעשװע פֿון אַן אַלטן שטיוול, — ווען דאָ אָ וועט האָר וואַקסן, וועט שמואל־יאָסי אויפשטעלן שטעלעכלעך . . .

ר׳ שמואל־יאָסי אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט די סטאָלערוקעס אויף צופֿיקעניש דוקא נאָר דאָ, ביים פּלויט, אויפצושטעלן דאָס שטעלעכל . . .

ער מייסטרעוועט און זיי צוואַרפן, זיי צוואַרפן און ער מייסטרעוועט אויף דאָס ניי. מ׳קריגט זיך פֿון ביידע זייטן פּלויט, מ׳לאָדט זיך שוין יאָרן לאַנג, מ׳איז זיך דם־שונאים, אַלע יאָר קומט אַראָפּ דער סענדזע פֿון זבאַריוו מיט דער טאַבעלע, טרינקט ביר, ווישט די געלע לאַנגע וואָנצעס, מעסט מיטן לאַנגען שטריק די פּלויטן און מיקאָלי דער פּאָליציייניק מיט דער פֿאַרזשאַווערטער שווערד שלאָגט אַריין קליינעס אין דער ערד אַריין. ביי נאַכט רייסט ר׳ שמואל־יאָסי אַרויס דעם קלין פֿון זיין זייט פּלויט און די סטאָלערעס פֿון זייער זייט פּלויט. און ווי ר׳ שמואל־יאָסי שטייט אַזוי היינט און מייסטרעוועט, ווייסט ער, אַז דאָרטן ביים סטאָלערוק אין שטוב צווישן די ברעטער און הובלינקעס, קאָכט זיך שוין די רציחה. ר׳ יחיאל סטאָלער האָט זיך שוין באַוויזן אין דרויסן אויף דער שוועל אין דער שפּיציקער יראַמולקע, אַרומגעבונדן אַ זאַק אויף די לענדן, מיט שטיקלעך הובלינקעס אין זיין לאַנגער גראָער גזלנישער באָרד, זיינע בייזע בליקן האָבן געשפּיצט פֿון דער ווייטנס ווי צוועקעס. דורכן פֿענסטער קוקט אַרויס דער עלטסטער פֿון זיינע בנים, נחמיה־יודל, ווילזונגיש טוט עראַדריי מיט צוויי פֿינגער זיינע שוואַרצע פֿולע גראָבע וואָנצעס און זאָגט:

— לאָמער זעך וועטן, אַז מ׳עט עם נאָך האַנט אַוועקטראָגן אין אַ ליילעך, דעם אַלטן דאָסער . . .

יודעלע איז שוין געווען אַ געזעלן אין די גרויסע שטעט און ער גאָלט זיך די מאָרדע, שבת גייט ער דאַוועגען אין געלע קנאַקעג׳דיקע הענטשקעס און זייגע שטיוועלעטען סקריפען מיט אַ שטאָלצן פריצישן סקריפ. אָבער ארויסקוקענדיק אַצינד אַזוי דורכן פענסטער, אָנגעשפּאַרט זיין מעכטיקע שוואַרצע האָריקע ברוסט אויפן לאַנגען הובעל, האָט ער, יודעלע געזען עפּעס נייעס.

— ווער איז דער שמויגער עפּעס . . . ווער ? . . האָט יודעלע אַ זאָג געטון. און אונטער זיין פּלייצע ביים פענסטער האָבן זיך אָנגעשטעלט די סטאָליאַרישע קעפּ מיט די צופּליקטע היטלען פול פאָרך, פאַרקאַטשעטע אַרבל און הויבלינקעס אין די בערד. מ׳האָט זיך געשטופּט און געזען ווי דאָרט אונטן אונטערן בערגל איז פונם גוי׳שען פורל אַראָפּגעשפּרונגען אַ פּרעמדער פאַשוין אַ יונגערמאַנטשיק אין אַ קאָרץ רעקל, דאָס האַרטע געלע קאַפּעלושל אָנגערוקט אויף איין אויער און די מאָרדע זיינע האָט האַרט געגלאַנצט אין דער זון, פּריש געגאָלט, בלאָלעך, ווי בלאַנק אייזן. דער פאַרשוין האָט זיך יומטובדיק אַרומגעקוקט מיט זיין איינציג אויג אין דער נייער פּרעמדקייט ז ון דאָס אַנדערע אויג זיינס, דאָס בלינדע און פאַרזונקענע אין לאָך, האָט מיטן דינעם הייטעל האָפּערדיק אַ פינטל געטון, מיטן יאַמשער׳געם שטעקאַלע אין דער האַנט איז ער מיט אויסגעבויגענע בעקער׳שע פיס אַרויפגעגאַנגען אויפן בערגל אַרויף. אונטען ביים וועג האָט מען שוין געוווסט ווער דאָס איז אַזוינס, אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט גלייבן. יידן אין די יאַרמולקעס, די הענט פאַרלייגט אויף אונטן, פאַרחושכ׳טע, ברייטע יידענעס, אָפּגעשליסענע באָרוועסע יינגלעך מיט צעריסענע דאַשיקעס זענען אַרויס פון די שטיבער. מ׳איז געשטאַנען אויף די שוועלן פון די געוועלבלעך און ברייטע

מיידן האָבן צוגעלייגט אָקייגן דער זון אַ האַנט צו די אויגן און זיך געחדושט:

— בראַנדעלס חתן ? . . . אַבי מען האָט געמיינט, אַז בראַנדל וועט חתונה האָבן מיטן קלאָץ . . . אַזאַ התן . . וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ פּריץ ? פון וואַנען איז ער ? אפנים פון קאָזלעוו . וואָס איז ער עפּעס אַזוינס ? עפּעס אַ גאַנצער קנאַקער . . . ס׳קער שוין זיין דער רעכטער חתן, אַז ער נעמט בראַנדלען . . . מ׳זאָגט אַז זיין טאַטע גייט אין די הייזער . . .

דער חתן איז פונדעסטוועגן אַרויפגעקומען אויפן בערגל צו ר׳ שמואל־יאָסין אין שטוב אַריין. אויף דער שוועל האָט ער אַביסל אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געזאָגט לייטיש־הייזריקלעך מיט אַ הוסטל:

— גוט העלף . . .

— גוט העלף, גוט יאָר . . . ס׳קאָצל קומט . . . שמואל־אָסי, שיינדל, ראַצע, ברײנע . . . ווו זענט איר ערגעץ אין דער ערד מיט די קעפּ מיינע שונאים . . .

די אַלטע שרה די בעקערין איז געווען אַליין אין שטוב. זי האָט געשריגן און גערופן, געהוסט און געקרעכצט און געשאָלטן, וואָס מ׳לייגט אָן אַלע צרות אויף איר קאָפּ. דער חתן האָט זיך אַנידער׳ געזעצט אויבן אָןביים טיש, אויסגעצויגן, אויעגעשטרעקט, גלייך ער וואָלט געהאַט איינגעשלונגען אַ שטעקן. און פלינק מיט זיין שווערער האַנט, האָט ער אַלע מאָל אַ כאַפּ געטון אַ פליג און זי געלאָזט זשומען אין דער זשמעניע.

איינציגווייז, מיט שפּיציק־פאַרשעמטע נייגעריקע נעז האָבן זיך אַריינגערוקט די ווייבער איינע נאָך דער אַנדערער אין שטוב אַריין, פאַרגנב׳עט געכאַפּט אַ קוק אַהין צום חתן און גיך, גיך קוים מיטן אויג צו דערזען, זיך אַרונטערגעשאַרט אַ ווידערשפּעניקע האָר ביים עק אָבגעשוירענעם קאָפּ אונטער דער פאַטשיילע אַרונטער. מ׳האָט

נישט געוווסט, צי דער חתן דאַרף געפעלען צי נישט, מ׳האָט שטיל גערעדט געשושקעט זיך אין די ווינקאַלעך מיט חייעטשקע די סעדעכע, וואָס איז געקומען אָנגעלאָפן מיט איר אייביקן קאַשעק ציבעלעס אויפגעהאָנגען אויף איין האַנט. מ׳האָט צונויפגעשטעקט די נעז און זיך געחדושט:

— ווו איז ערגעץ דער טאַטע? ווו איז ערגעץ ברײַנדל? וואָס עט עפּעס זאָן? . . .

אָבער נישט ר׳ שמואל־יאָסי, נישט ברײַנדל האָבן געוואָלט אַרײַנ־גיין אין שטוב אַרײַן. ברײַנדל איז געשטאַנען אין גאָרטן ביים איינגעפאַלענעם פּלויט פאַרטראָגקען צווישען די הויכע גרינע קראָפּיוועס און שטעכיקע באַדיקעס מיט רויטע קעפּלעך, וואָס די בינען האָבן זיי געזויגען און זי האָט געהאָלפן דעם טאַטן מייסטרעווען ביים שטעלכל. זי האָט אונטערגעהאַלטן אַ קלאָץ מיט איין האַנט אויף דער קניע און מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי געשלעפּט דו זעג בשותפות מיטן טאַטן אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

— או . . . . או . . . מויד . . . . . גו . . . וואָס שטייסטו עפּעס דאָ וואָס . . . — האָט דער טאַטע זיך געבייזערט אין דער באָרד אַרײַן. ברײַנדעלס שוואַרצע נאָז איז געוואָרן בלייך. אירע צע־טראָסקעטע ליפּן האָבן זיך צעשפּרייט אין אַ האַלבן וויינענדיגען שמייכעל, זי האָט זיך אָפּגעפּראָשעט דאָס קלייד אַ טאַפּ געטון דעם צאָפּ אויף דער פּלייצע מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ און גאָר נישט זעענדיק פאַר די אויגן ווי מ׳קומט אַרײַן אין שוויץ־באָד אַרײַן, איז זי אַרײַן אין שטוב אַרײַן און געבליבן שטיין אין מיטן דערינען. אַ רויטער האָן מיט אַ גאָלדענעם עק איז גראָד אַרויפגעפלויגן אויפן טיש און האָט דאָרט פאַרלוירן עפּעס.

— אַ הוש! — האָט ברײַנדל אַ געשריי געטון, נאָכלויפנדיק

דעם חאָן. — אַ הוש... אַ בייז באַמאַכעניש אויף אײַך !... און זי איז נאָכ' געלאָפן דעם האָן ביז אין דרויסן אַרויס. דער חתן איז נאָך אַלץ געזעסן אויסגעשטרעקט מיטן שטעקאַלע אין די הענט. ער האָט אַלע מאָל אַ הויב געטון די בלאָליכע מאָרדע אַ הוסטל געטון און פול ביטול האָט זיין איינציג אויג געקוקט אויף די האַרטע הייסע ברוינ־קיילעכדיקע ברייטלעך מיט די געשמאַקע שמעקעדיקע שישקעס, וואָס די אַלטע שרה די בעקערין האָט זיך בייגענדיק מיט אַ פאַרמעליק טער נאָז, אַרויסגענומען מיט דער לאָפעטע פונם אויוון און זיי אויסגע־לייגט אויפן בעט... אויך מיר אַן אויוון מיט ברויט... אַ שיי־נער אויוון. — האָט ער געטראַכט. די ווייבער זענען דערווייל געלאָפן אַריין און אַרויס, מיט די פאַרשמירטע קינדער אויף די הענט, גע־קניפן די עלטערע ייִנגלעך מיט די נאַסע נעזלעך און גריבע דינע פאַרחלומטע פאַהקעלעך. מען האָט נישט געוווּסט צי דער שידוך געפעלט צי נישט. אָבער ווו איז ערגעץ דער טאַטע? וואָס גייט ער נישט אַריין אין שטוב אַריין? שיינדאַלע און רייצע זענען אַלע מאָל אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן אַריין צום טאַטן ביידע ווייבער האָבן געטענהט:

— וואָס גייסטו נישט אין שטוב אַריין טאַטע? סאַ מאוסע זאַך פאַר אַ פרעמדן מענש... געוואַלד טאַטע... אַ שיינער טאַטע... איי, טאַטע, טאַטע... וואָס האָט ער זיך פלוצים גענומען צום שטעלעכל וואָס... פונקט היינט אין סאַמע מיטען טראַסק... נו טאַטע... איי טאַטע.. ביזט טאַקע נאָך אַן אַלטפרענקישער ייִד... היינט זענען אַנדערע צייטן טאַטע...

ר' שמואל־יאָסי האָט זיך אָבער נישט וויסענדיק געמאַכט, זאָלן זיי בעבען די ווייבער... וואָס אַרט דאָס אים?.. ס'קאָסט אים עפּעס געלט... ער האָט געשלעפט און געטעסעט, געהאַקט דעם קלאָץ מיט דער שאַרפער האַק וואָס האָט אַלע מאָל אַ בליאַסק

געטון אין דער הייסער זומער־זון. די ווייבער האָבן גערעדט, גערעדט, אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך איינגעשפּאַרט און דוקא נישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב אַריין אָנקוקן דעם חתן:

— אַ וויסטער אַ פינצטערער פּיטשאַטעק אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ, אויף מיינע שונאים׳ס הענט און פיס, אויף מיינע שונאים׳ס לייב און לעבן. טפו . . . וואָס זאָגט מען עפּעס צו אַזאַ טאַטן? . . . האָט פון שיינדאַלעס מויל געקנאַקט ווי פון אַ ביקס. אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטער די זייטן האָט זי געבייטעלט חלומות, צופלאַמט פון יום טובדיקייט . . .

— אָט מען שוין געזען אַזוינס . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געשוויגן. האַרטנעקיג געשוויגן. אומגערעכט אָבער האָט ער פּלוצים זיך איינגעבויגן אַ נעם געטון די האָק אונטערן אָרעם, אַ קוק געטון בייז, פון דער זייט אויף די ווייבער, ווי ער וואָלט זיי וועלן דורס זיין און געברומט צוגעדושעט:

— או . . או . . יידענעס, בהמות . . . בהמות וואָס איר זייט . . . וואָס האָט איר אייך עפּעס אָנגעדינגען אין מיר . . . טפו זאָלט איר ווערן . . . און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין אָנקוקען דעם חתן.

אַ רגע איז דער ייד שטיין געבליבן און באַטראַכט דעם חתן מיט אַ האַלב אויג פון דער זייט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען פּאַוואָליע, אַוועקשטופּענדיק אַביסל די האַנט פאַר זיך:

— שמע׳ליכם . . .

— שמע׳ליכם.

— פון וואַנען ביזטו ערגעץ פון וואַנען? . . . האָט ר׳ שמואל־יאָסי געפרעגט מיט זיין האַלבן ווייגענדיקן צוגעדושעטן קול און

אוועק געקוקט.

— פון קאָזלעוו — האָט געזאָגט דער חתן.

— פון קאָזלעוו?

— פון קאָזלעוו.

— נו וואָס ביזטו עפּעס אַזוינס איינער וואָס? . . .

— אַ דאַטשער בעקער . . .

— אַ וואָס, אַ וואָס? . . . — האָט ר' שמואל־יאָסי נישט־דערהערט אונטערשטעלענדיק אַן אויער — אַ וואָס ביזטו אַזוינס, אַ בעקער יונג ביזטו . . . האַ? אַ בעקער יונג? . . .

ר' שמואל־יאָסי האָט שוין געוווסט, וואָס אַ בעקער־יונג איז אַזוינס. אַמאָל פלעגט אַזאַ איינער, אַ בלייכער אַ אויסגעצאַמטער האָלידריזגע, מיט אויסגעקרומטע פיס פונם שטיין אין די נעכט ביי די קאָרעטעס טייג, אַדורכוואַנדערן דורכן שטעדטל, די הענט אין די קעשענעס פון די צופליקטע אָפּגעמעליקטע הויזן מיטן פאַרטרוקענטען טייג אויף זיי און אַרויפקומען אויפן בערגל בעטן אַ נדבה. די אַלטע שרה די בעקערין ר' שמואל־יאָסיס ווייב, פלעגט יענעם געבן אַ זעמל אַ נדבה און אים נישט געוואָלט לאָזן איבער נעכטיגן אויפן פּעקאַלעק.

— גיי . . גיי ווייטער — האָט זי געזאָגט, גיי . . . און ברייגדל האָט אים געהיט, פאַרדעכטיק מיטן שאַרפן קוק, ביז יענער איז געווען אַוועקגעגאַנגען וויט וויט אונטען, אונטערן בערגל. ר' שמואל־יאָסי האָט געוווסט, אַז אַזאַ איינער, אַ בעקער־יונג איז געוויינטלעך אַ גוי, אַ שכור און אַ גנב. אַז ס'זענען דאָ יידן דאַטשע בעקערס, האָט ער נישט געוווסט. אָבער ער האָט געוווסט אויף זעכער, אַז אַזאַ איינער קאָן נישט זיין קיין לייט. ער וועט זיך אָנפרעסן, אָנזויפן זיין בלוט, אומגליקלעך מאַכן די טאָכטער, עפּעס צו־לאַטכענען און עוקר זיין וואָס דען:

— אַ בעקער יונג ? . . נו, נו . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אַוועקגעגאַנ׳
גען פונם חתן. ער האָט געפּרופט אונטערשטעלן פון דער זייט אַן
אויער און הערן, וואָס די ווייבער שושקען זיך עפּעס דאָרט מיט חיי׳
עטשקע דער שדכנטע וועגן דעם, אַז מ׳וועט איינוואַלען דעם אַלטן
איוון און מ׳וועט אָפּגעבן דעם חתן אַ האַלבע שטוב . . . איינוואַ׳
לען דעם איוון און אויפמויערן אַ נייעם איוון . . . אַ דאַטשן
איוון, אַ פּלאַטשיקן, אָן אַ פּעקאַליק נאָר מיט אַ קעסל און מיט אַ
גרוב . . . און דער דייטשער בעקער וועט באַקן דייטשע „פּאַרקעס״
אַזוינע, און אייער־בייגל ווי אין קאָזלעוו . . .

— וואָס, וואָס אַזוינס . . . האַ . . . וואָס זאָגסטו עפּעס וואָס ?...
וואָס זאָגסטו ? . . . שיינדל הער נאָר ? . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט געפּרופט פרעגן צום ערשט שטיל־פּאָרזיכ׳
טיק אומגלייביק מיט געבעט. דערנאָך האָט ער פאַרצויגן דעם
שטערן אין שווערע קנייטשן און געשריגן נישט קוקענדיק צו קיי׳
נעם פּאַר זיך אַליין:

— וואָס רעדן זיי עפּעס דאָרט, וואָס, די יידענעס, די בהמות...

ר׳ שמואל־יאָסי האָט נאָך נישט געוווסט אויף זעכער וואָס דאָ טוט
זיך, אָבער ער האָט געפילט, אַז עס איז נישט גוט . . . ס׳איז
זייער ביטער . . . ס׳טוט זיך עפּעס דאָ דאָס וואָס מ׳דאַרף נישט...
וואָס בעבען זיי עפּעס די ווייבער ? מ׳בעבעט נאַרישקייטן, ווער,
וואָס ווען . . . האַלבע שטוב . . . דייטשער איוון . . . זויערע ווייכע
אָנגעבלאָזענע פּאַרקעס . . . אייער־בייגל רויע . . . מ׳עט דען
עפּעס לייזן ? דאָס איז אַ פרנסה פאַר אַ יידען ? . . . אַ שיינע פּרנסה:
פּאַרקעס מיט אייער־בייגל . . . — שיינדל, זאָג נאָר שיינדל ! . . .
האָט דער ייד זיך ווידער געבעטן מיט אַ שטיל הכנעהדיק קול.
אָבער ווי איר שטייגער איז געווען האָט שיינדל געטון אַ מאַך

אויף איר פּיסק:

— וואָס איז דיין עסק, טאַטע? . . . דיין געשעפט? דו מיש דעך נאָר נישט אַריין . . . ער דאַרף אויך וויסען . . . וועסט שוין געוואָר ווערען שפּעטער . . .

ר׳ שמואל יאָסי האָט אַ שטומען קוק געטון מיט זיין קרומען בייזן קוק, אויף די יידענעס אַ זיפץ, געטון גענומען די האַק און איז אַרויסגעגאַנגען צום שטעלעכעל מייסטרעווען. ער האָט געהאַקט בייז מיט דער האַק אין דרענגל און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. דער ייד האָט מורא געהאַט אַז ער וועט נישט האָבן ווו צו שטאַרבן. נישט ער און נישט זיין אַלטע יידענע.

ר׳ שמואל־יאָסי האָט אַלע זיינע קינדער די זין און די טעכטער געגעבן נדן שטיקלעך פּלאַץ אויפן גאָרטן און זיי האָבן זיך אויפ׳ געבויט שטיבלעך. ער האָט גערעכנט אַז ברײַנדלען דער מוזינקע׳ וועט ער אויך געבן נדן אַ שטיקל פּלאַץ אויפן גאָרטן אויף אַ שטובל. אָבער אָפּגעבן אַ האַלבע שטוב פון זיינער, נישט האָבן ווו ... שטאַרבן, נישט ער און נישט די יידענע, ניין דאָס האָט ער נישט גערעכנט. איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר אַז ער וועט שטאַרבן מיט דער יידענע, מיט שרהן, וועט ער איבערלאָזן די גרויסע שטוב זיינע פאַר די קינדערס וועגן ירושה. אָבער אַצונד? איינוואַלען דעם אויוון? אַוועקגעבן אַ האַלבע שטוב עפּעס אַ דאַטשן בעקער . . . אַ פרעמדן רוח . . . ס׳איז דעם יידען שווער געווען דאָס האַרץ און ער האָט נישט געקענט גלייבן אין דער גאַנצער מעשה . . .

דורכן פענסטער אָבגעפּינטעלט מיט פליגן־קויט האָט אַריינגעקוקט דודזיעס ברייט געשטיפּעלט פּנים, וואָס איז ענלעך געווען צום טאַטענס. ער האָט זיך געווישט די נאָז מיטן צופּליקטן פאַרשמאָלצע׳ וועטן אַרבל, ער האָט געקניפּן ווי זיין שטייגער איז געווען אַ שטיק שוואַרץ ברויט פון דער קעשענע, געקייעט מיט זיינע

צושפרייט־ברייטע פערדישע ציין און ער האָט געטשאַטעוועט, געזוכט מיט זיין שמאָל בליקעל, בריינדלען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט איז די רעכטע צייט זיך אַריינצוכאַפּן אין גערטעל אַריין און אָנגנבענען פולע קעשענעס מיט עפּל, אַרויפדראַפּען זיך אויפן ביימעל און טרעסען. אָבער בריינדל איז געזעסן אָנגעבויגן אין גאָרטן צווישן די ביימער מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און זי האָט געהיט.

פּלוצים איז חייעטשקע די סעדעכע אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין מיט אַ פּאַליש זי האָט אָנגעכאַפּט דעם חתן פאַר אַ האַנט און געשריגן:

— קום . . . וואָס ווערטו עפּעס אויסזיצן דאָ וואָס . . . חתנים דאַרפן זיי . . . גיב זיי חתנים . . . אַ גוטע מכה . . . בראַנדל מעג פאַזיצן ביזן גראָען צאָפּ אַריין בראַנדל . . .

דער חתן איז אַראָפּגעגאַנגען פונם בערגל דאָס קאַפּעליושל פאַרוקט אויף אַן אויער דאָס שטעקאַלע ברוגז אין דער האַנט און ער איז אַהיים געפאָרן צוריק קיין קאָזלעוו, אויסגעטון די שבתדיקע בגדים און גענומען זיך צו דער אַרבעט, דאָרט אין הייסן טונקלען מעהליקן קעלער. בשעת ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן, אין די גאַציעס, ביי דער קאַריטע טייג און געקנעטן מיטביידע הענט זענען אים די טראָפּנלעך שוויס אַראָפּגערינען פון דער נאָז אין טייג אַריין.

## 3

ד ער זווג איז אָבער פאָרט געווען מן השמים.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קהלניש אויפן בערגל. די הייסע לאַנגע לײדיקע סוף־זומערדיקע טעג האָבן אָפּגעבר נט און אויסגעצערט די ווייבערישע פּנימער לאַנג און פאַרשפּיצט. די לײדיקע מיילער

האָבן זיך אַרויסגעזען ברייטער צעעפנט. זיי האָבן זיך געדרייט אין די ליכטיקע לײַדיקע זומערדיקע שטיבער, גערעדט געבייזערט, געליגן טעפּלעך, געשאָלטן געקריגט זיך און זיך איבערגעבעטן:

— וואָס וועט עפּעס זײַן מיטן שידוך?... פונקט מאָרגן טרעפט זיך נאָך אַזאַ שידוך... אַ שיינע מציאה ברײַנדל.. וואָס דען מ׳עט איר אָנשיטן אין פּאָדאָליק אַרײַן... זי האָט שיין געדרשנט ברײַנדל?...

ס׳האָט זיך געהערט פון דער ווײַטנס דאָס קלאַפּן פונם פלאַקס, וואָס די גויעס קלאַפּן אויף די קלאַפּ־קעסטאַלעך אין די הויפן. אָנגעלאָדענע פירן מיט סנאָפּעס זענען פּאַוואָלע אונטן אויפן פּאָרכיקן ווײַסן הייסן וועג געפאָרן און שווער געסקריפּעט. באָרוויסע אָפּגעריסענע יינגלעך פונם בערגל, האָבן געשלעפּט פון איר זשמיטן זאַנגען. זיי זענען אַנטלאָפן און אַלע מאָל זיך ווידער זנאַדיט אונטער דער פיר. צווישן די שוואַרץ־אײַנגעטרוקענטע קרומע דעכלעך האָט זיך ווײַט און פאַרשלאָפן מיד אין דער הייסקייט געטראָגן דאָס געצויגענע געזאַנג פונם צעכראַסטעטן מלמד אין דער יאַרמולקע, דאָס זומערדיקע לערנונג מיט די יינגלעך:

— אשה אַן אשה כי תזריע אַז זי וועט זיי — עע — ן.

פּאַוואָלי איז געקראָכן אַן אײַנגעהויקערטער פאַרשמאַכטער האָריקער אָרעמאַן אין דער גרינער בעקעשע אויף די שוועלן:

— כ׳האָב אייך נישט וואָס צו געבן...

רחמנותדיקע יידענע־בליקן האָבן אים נאָכגעקוקט. פאַרלייגט די מידע קעפּ אין די לויז אונטערגעבונדענע פּאַטשיילעס, האָבן ווײַבער אכטונג געטון ער זאָל נישט עפּעס מיטנעמען, געגעבן אים אַ שטיקל ברויט, אַ פּרוטה:

— גאָט זאָל אייך העלפן אַז מערטשע שם איבער אַ יאָר זאָלט איר גיין אין די הײַזער און קומען צו מיר...

ברוגז־שטיל האָט דער אָרעמאַן געשאָלטן אין דער באָרד אַריין און ווייטער געקראָכן, געשטרויכלט איבער די צעקרומטע אויסגעטרע־טענע יידישע שוועלן געקושט די מזוזה און געשאָלטן.

דאָס מויל האַלב געעפנט, די נאָז שטומפּיק פאַרקרומט, איז ברײַנדל געזעסן אויפן קלאָץ ביי דער איינגעטרוקענטער מולטער זעמל און זי האָט געדרימלט. פּלוצים אָבער האָט זי געזען ווי דער קאָזלעוווער חתן שפּרינגט אַראָפּ פונם גויעשן פירל און ער גייט אַרויף אין שטוב אַריין. מיט צושטרעקטע הענט ווי אַ פליענדיקער פויגל איז שיינדאַלע געקומען אָנגעלאָפן:

— ברײַנדל קום נאָר גיכער . . . דער חתן איז דאָ . . . — זי האָט געכאַפּט די מולטער זעמל און אַרויפגעלאָפן מיט איר אויפן בערגל.

דער חתן איז געזעסן ביים טיש און געוואַרט.

איינער נאָכן אַנדערן זענען אָנגעקומען די זין און די איידעמעס פונם דאָרף, האַרטע ברייטע האָרעפּאַשנע יידן אין צופליקטע אונטער־געבונדענע שפּענצערס איינס אויפן אַנדערע. די האַרטע צוראַפּעטע דעמבענע העלזער האָבן אַרויסגעשטאַרט פון די קויטיקע לײַבלעך איינס אויפן אַנדערע און די פולע זאַטע זעק בייכיקע און שווערע אָנגעפולטע מיט שמאַטעס, פלאַקס און ביינער, אויף די פּלייצעס, האָבן גרעסער געמאַכט זייערע אָנגעבויגענע בערד, פאַרהאַרטעוועטע פון שווייס היץ און פאָרעך ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

פּאַוואָליע און מיד זענען זיי געגאַנגען אַרויף אויפן בערגל אַרויף שווער טרעטענדיק מיט די פאַרדאַרטע ווייסע ברייטע שטיוול וואָס האָבן געלעכצט נאָך פעטער שוואַרצקייט און שבת־דיקער רו, זיי האָבן שוין געוווסט אַז אין דער גרויסער שטוב איז געקומען אַ חתן אָנקוקן ברײַנדלען. אַלע מאָל איז איינער פון די יידן מיטן זאַק אויף די פּלייצעס אָפּגעטרעטן אין שטוב צוגעגאַנגען צום חתן

און געשטופט אַ ביסל פֿאַר זיך אַ האַרטע, צוטראַסקעטע שוואַרץ־אָפּגעברענטע האַנט, ווי פֿון דעמבענע קאָרע און געזאָגט:

— שמ׳עליכם . . .

— שמ׳עליכם . . .

וועלוועלס ברייטן האַלב פֿאַרשלונגענעם און היקעוואַטן קול האָט מען געהערט דורכן פֿענסטער. ער איז אָנגעקומען אַהיים און ווי זיין שטייגער איז געוועזן האָט ער נאָך אין דרויסן צו זיך אַליין גערעדט, גערעדט און געשאָלטן זיינע בנים אינאיינעם מיטן ווייב. ער איז אַריינגעקומען, אָפּגעשטעקט דעם חתן:

— שמ׳עליכם.

און גערעדט צום חתן, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— נו, וואָס זאָגט מען עפּעס צו אַזאַ ווייב, האַ? אַ ווייב . . . מיט יונגען . . . אַזוינע יונגאַטשעס . . . הערט איר אַן אָרעמאַן האָט נישט קיין מזל צו קיין קינדער . . . עך זאָג מאַנס: ווען אַן אָרעמאַן זאָל האָבן לאַטישע קינדער וואָלט ער דאָך נישט געווען קיין אָרעמאַן . . . וואוּ האַ? . . אַזוינע געזונטע גוים . . . עך וואָלט זיי געגעבן צו פֿרעסן, עך? אַ קרענק אין די בייכער וואָלט עך זיי געגעבן צו פֿרעסן . . . דרייען זעך אַרום אַזוינע איוואַנעס און פֿרעסן . . . פֿרעגט נאָר צו מע גייט אין חדר אַריין . . . צו מען וויל צוהאַקן אַ שטיקל האָלץ . . . אָסט געדאַווענט היינט דודזיעלע . . . קום נאָר אַהער דודזיעלע . . . פֿרעסט . . . פֿרעסט . . . פֿאַרוואָס ווערט איר נישט דערוואָרגן אַלע אינאיינעם האַ? . . . דודזיעלע, דודזיעלע? . . .

אַזוי פֿרעגט דער טאַטע דעם זון, ווינקט צו אים דורכן פֿענסטער און שאָקלט דעם קאָפּ. דודזיע פֿאַרשטייט שוין וואָס דאָס באַדייט. ער פֿילט שוין אויפֿן קאַרק דעם האַרטן לעדערנעם רימען וואָס דער טאַטע טוט אויס פֿון די הויזן און שניידט מיט אים ווי ער טרעפֿט

אויפן פנים, אויפן קאָפּ, איבער די אויערען. און דודזיע אַנטלויפט. ס'איז גלייכער זיך נישט צו באַגעגענען מיטן טאַטן פּנים אל פּנים. פונדערוויטנס זעט ער ווי דער טאַטע גייט אַהיים מיטן זאַק אויף די פּלייצעס רעדענדיק צו זיך אַליין הויך אויפן קול:

— אַזאַ חברה . . . אַזוינע איוואַנעס . . . קינדער היינטיקע צייטן נו נו . . .

דער חתן איז דערווייל געזעסן אין שטוב אויבן אָן ביים טיש געכאַפּט פליגן און געהויבן די בלאָע מאָרדע. ס'האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אויפצוהייבן אַ ביסל פונם בענקל, אָבער ער האָט זיך געשעמט. ער האָט שוין געהאַט געכאַפּט אַ קוק אויף דער כלה און ברײַנדל איז אים היינט גאָר געפעלן געוואָרן. ער האָט געזען, אַז זי איז הינטן-אַרום אַ גבורהדיקע ברייטע מויד. דאָס הייטל פון זיין בלינד ייגל האָט צוויי מאָל אַ פינטל געטון מיט באַזונדערער צופרידענ' קייט פון די קולאַקעס וואָס ער וועט אויפן בעל מלאָכישן שטייגער צ'ריינשלאָגן אין ווייב אַריין אַלע יאָרן. דער שידוך איז אים גע' פעלן געוואָרן. די שטוב, די מענשן און די ברייטע משפחה . . . מ'עט אים אַריינבעמען אַהער אין מיטן אַריין און ער וועט ווערן אַ לייט . . . וועט זיך נישט וואַלגערן מער אויף פרעמדע פּעקאַלי' קעס . . . ער וועט ווערן אַ באַלעבאָס . . . אַ בעקער מיט אַן איי' גענעם אויוון . . . אַ מייסטער פאַר זיך. דער אייביקער חלום פון די בעלי מלאָכות. ער האָט געקוקט לאַנג, לאַנג אין דעם זייל זון- פּאָרך, וואָס האָט זיך ליכטיק-זילבערן געווירבעלט פונם פענסטער אין דער ליידיקער זומערדיקער שטוב. די פליגן האָבן מיד און שלעפעריק געזשומעט געפלויגן און געקראָכן הויפנווייז געשטעלט זיך אויף דער נאָז, אַ ביס געטון אין שטערן. אַ פליענדיקע פליג אַן איינציקע האָט זיך אַלע מאָל דורכגעטראָגן דורכן זייל זון-פּאָרך און זי האָט געגלאַנצט בלוליך-גאָלדן, גרעסער און פאַרנעפּעלט אין

די קאָלירן פונם רעגנבויגן. אַ האָן האָט געקרייעט ווייט אין דין פאַרטראָגן אין הייסער זוניקער מיעדקייט. אַ צווייטער האָט געענפערט פון ערגעץ. אין דער אָפענער טיר האָט זיך פלוצים געטון אַ דריי דורך אַ גרויסער שוואַרצער הונט מיט קויטיקע קודלען. זיין פיינע רויטע צינג איז אַרויסגעהאָנגען פונם ווינקל פיסק ציטער׳דיק און נאַס. דעם חתן האָט זיך שטאַרק געגלוסט נאָכצולויפן דעם הונט און אים דערלאַנגען אַ קנאַק מיטן שטעקן איבער די פיס. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט אויפהויבן פונם בענקל, זיין אייגל האָט זיך אים געקלעפּט שווער און מיד און די מאַמע זיינע האָט אים געהאַלטן ביים אַרבל, געקניפּן און געשריגן מיט די הוילע בלאָע יאַסלעס:

— נעם ס׳טעפל און גיי פרעגן אַ שאלה צום רב . . . חאַסקעלע גנב, צום רב גיי און הייס שרייבען די תנאים . . . די ביינער עלעך דיר צוברעכן . . . לאָז נאָר אַהיים קומען דער טאַטע . . . זלאַדזיע טע . . . האָט פלוצים די מאַמע געשריגן אויף גוי׳איש און דאָס ווייטע קול האָט זומערדיק-שווער געפּלאָנטערט און געקלעפּט די הייטלעך פונם איינציקן אויג. זיס און האַרט איז דער דרימעל פון די פאַרהאָרעוועטע אין אַ שאָטענדיקער שטוב אין מיטן הייסן זומערדיקן טאָג. דעם חתנ׳ס קאָפּ האָט זיך מיד שווער אַראָבגעלאָזט און אַלע מאָל איבערגעשראָקן זיך, זיך צוריק אויפגעהויבן. אָבער דער מאַמעס קול, וואָס האָט נאָך אַלץ עפּעס געקוויטשעט אויף גוי׳איש, האָט נישט געוואָלט שטיל בלייבן, ביז דאָס האָט דורכגעדרונגען די פאַרקלעפּטע אויגן־הייטלעך, צופענט זיי מיט גרויס שווערקייט אין ווייטער פאַרנעפּעלטער אומפאַרשטענדליכקייט.

— טע זלאָדזיע . . . דו גנב . . . ס׳קייטאַלע גיב מיר אָפּ . . . מיין פאַרמעג . . . דאָס גאָלדענע קייטאַלע . . .

האָט געשריגן אין דער אָפענער טיר עפּעס אַ שוואַרץ פרעמד־

פריצה׳לע, וואָס איז אַריינגעפאַלן מיט אַ פּאַליש אין שטוב אַריין. זי האָט געוויינט און געשריגן מיט אַ קוויטש צו די מענשן אין שטוב. מיט אויסגעשטרעקטע דינע הענטלעך איז זי אַקייגן געלאָפן דעם זשאַנדאַר, וואָס איז אַריינגעקומען מיט זיינע געלע פאַרשפּיצ׳טע וואָנצעס, ווי צוויי הערנער און מיט אַן אויפגעשטעלטער גלאַנ׳ציקער שפּיז אויפן אַקסל. פון זיין הוט האָט שרעקיג אַראָפּגעווייעט אַ זשמוט גאָלדנ-בלויליכע פעדערן, ווי דער עק פון אַ האָן. זיינע בייזע אויגן האָבן געשפּיזט מיט באַפעל צום חתן:

— ווי אַזוי הייסטו?

דער חתן האָט זיך אויפגעהויבן פונם בענקל און געזאָגט:

— חאַסקעל מאָזעס מזוזה . . .

צונויפגעלאָפענע מענשן האָבן זיך געשטופּט אין דער טיר, צו די פענסטער האָבן זיך צוגעקלעפּט פּנימ׳ער מיט אָפענע גאַפענדיקע מיילער. דאָס פּריצה׳לע האָט גערעדט מיט געוויין און מ׳האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס זי וויל, וואָס זי שרייט, אַז דער חתן איז מיט איר געפאָרן פון קאָזלעוו אויפן זעלבן פורל און ס׳פעלט איר אַ גאָלדן קייטאַלע און ער, דער התן, האָט דאָס איר אַראָבגעגנב׳עט פונם האַלז אַראָב . . .

דער חתן האָט געשמייכעלט צום זשאַנדאַר מיט בטול און אומ׳שולדיגקייט, געשטיקט זיך מיט אַ קייכענדיק געלעכטערל . . . וואָס איז עפּעס דאָ דאָ צו רעדן ביי אַזאַ בלבול? ס׳איז אַן עברה די רייד . . . ער האָט פּאַוואָליע אַוועקגענומען דעם זשאַנדאַר אין אַ ווינקל געסודעט זיך עפּעס מיט יענעם און כיטרע געוווּנקען גוט׳ברודעריש מיטן אייגל:

— אַליע פאַניע וואַכמישטשע — ע

און אַזוי ווי דער זשאַנדאַר האָט דערפילט די האַרטקייט פון דער מטבע וואָס דער חתן האָט אים אַריינגעשטופּט אין דער יד אַריין, האָבן

זיך זיינע פאַרשפּיצטע גבלע וואָנצעס ברוגז אַראָפּ־געלאָזט און איינבויגענדיק דעם זשמוט פעדערן פונם קאָפּ אויף דער שוועל, האָט ער געזאָגט אוועקגייענדיק:

— אַדייעיי . . .

און ער האָט אַוועקגעפירט מיט זיך דאָס ווייבנדיקע שוואַרצע פריצה'לע.

דער טומל האָט זיך געלייגט, אָבער ר' שמואל־יאָסי האָט זיך נאָך אַלץ געשטופּט מיט דער האַק אונטערן אָרעם, די באָז גע־רויטעלט, צווישן די ווייבער און געוואָלט געוואָר ווערן, וואָס דאָ טוט זיך עפּעס אַזוינס:

— וואָס טוט זיך עפּעס דאָ היינט אַזוינס וואָס . . . ווי איז מיר נישט געשען . . . גזלנים . . .

אָבער מ'האָט אים נישט געענטפערט און זיך געהיימניספול גע־בייזערט:

— שאַ, טאַטע . . שריי נישט . . . וואָס . . שרייסטו עפּעס וואָס . . . טו אָן די בעקעשע . . . גיכער . . .

ר' שמואל־יאָסי האָט געשוויגן און מיט אַ האַלב מויל אָן אָפּענעם פאַרחידושט און שרעקיג האָט ער אָנגעקוקט די ווייבער, ווי זיי קוקען אַרויס דורכן פענסטער און בייטלען חלומות מיט געהיימ־ניספולער שטילקייט:

— אַ וויסטער, אַ פינסטערער חלום אויף איר קאָפּ, אויף אירע הענט און פיס, אויף איר לייב און לעבן געפלויגען געוואָרן . . . פיה . . . זעט נאָר אַן אָנשיקעניש . . . אַן אָפּלייזער און אויסלייזער . . . .

אַצונד האָט מען זיך שוין גענומען איילען, לויפן אַהער און אַהין אין שטוב, אַרומדרייען אַרום חתן געדיכטער, היימישער. דער שידוך איז בעווען געפעלן. אַזאַ חתן . . . אַ גאָלדענער שידוך . . .

וואָס שיקט מען נישט צום שוחט? . . . ווו איז דער שמש? מ׳האָט געגוגערט מיט די הענט, מיט די נעז, געשטופט זיך, גערעדט אַלע אינאייגעם און אין ווינקל האָט זיך שיינדאַלע געסוד׳עט מיט דער מאַמען וועגן דער מעשה מיטן פריצה׳לע:

— ווער ווייסט, צי ס׳איז כאָטש אַ גאָלדענס? . . .

די אַלטע שרה האָט אין גרויס אײַלעניש געגרייט צו טיש זאַרומעס און מיט אַ ווייכן צערטליכן און זייער האַרציקן קול ווי צו אַן אייגען קינד, וואָס איז געקומען צופאָרן פון ערגעץ, אַ וואַזשנע לייט, האָט זי געזאָגט צום חתן:

— נו, חאַסקעלע, וואַש דעך און גיי עסן וואַרימעס . . . גיכער, ווייל ס׳קומט דער שמש מיטן שוחט . . .

4

ס׳האָט נישט געהאָלפן. ר׳ שמואל-יאָסי האָט נישט געוואָלט אָנטון די שבת׳דיקע גרינע בעקעשע זייבע מיט די ווייסע לעכער אויף די עלענבויגענס און אַריינגיין אין שטוב אַריין.

— אַ טאַטע איז דאָס . . . אַ שיינער טאַטע . . . — האָבן גערעדט די ווייבער. מ׳האָט אָבער אַצונד נישט געהאַט קיין צייט זיך צו נעמען צום טאָטן. די שטוב איז געווען פול מיט דער משפחה קיין עין הרע. די ווייבער האָבן זיך געשטופט מיט די קינדער אויף די הענט, געשלעפט זיי פאַר די הענטלעך, געקניפּען און געווישט די נעזלעך. די מאַנסבילן זענען לײַטיש געשטאַנען ביים גרויסן טיש אין זייערע גראָבע שפּענצערס מיט די צוטראַסקעטע פאַכוועס, וואָס זענען איצט געווען אַרומגעגאַרטעלט מיט די שבת׳דיקע גאַרטלען, און דרך ארץ׳דיק געקוקט אַהין אויבן אָן צום טיש ווו דער חתן איז געזעסן צווישן די צוויי שיינע יידן אין זייערע ברייטע סאַמע׳

טענע קאַפּעלושן איבער די יאַרמולקעס, מיט קליינע בכבודיקע קיילעכדיקע בערדלעך. זיי האָבן געקרייזעלט די פּאות געשטרעקט די איידעלע ווייסע הענטלעך, געטונקען באַטעמט פּאַוואַ'יע זעמל אין בראָנפן און געשריבן תנאים.

ביים „נאום" האָט דער חתן צוגעקוועטשט זיין אייניציק אייגעל פון דער זייט, גענומען די פּען אין זיין שווערער צוטראַסקעטער האַנט, געדרייט מיט דער צונג און אָנגעשריבן אַ קליין האָרבאַטע רינגאַלע מיט אַ שפּיצל. מ'האָט גערופן די כלה:

-- בראַנדל, ווו איז ערגעץ בראַנדל? . . . בראַנדל . .

די מאַמע האָט געהוסט, געקרעכצט געשריגן אין דרויסן אַרויס:

— בראַנדל . . . בראַנדל, ווו ביזטו ערגעץ מיינע שונאים אין ד'רערד . . ווו.

מ'האָט זי געזוכט, מ'האָט געשריגן, מ'איז געלאָפן. ברײַנדל איז נישט געווען נישט אין גאַרטן, נישט ביים פּלויט נישט אונטערן בערגל.

דודזיע איז געפאַלן אויפן שכל. פלינק ווי אַ קאַץ איז ער אַרויפגעלאָפן מיט דער לייטער אויפן בוידעם. דאָרט איינגעגי[illegible] עט אין שטרוי איז געלעגן ברײַנדל מיטן פּ[illegible]ם אַראָפּ און זי איז געשלאָפן. דודזיע האָט זי געשלעפּט ביים צאָפּ און געשטאַרקעט מיט זיין שוואַרצן טרוקן־פאַרבלאָטיקטן פּיס:

— בראַנדל . . . בראַנדל . . . גיי נאָר גיכער . . . דו ווערסט אַ כלה . . .

— וואָס שרייט איר. . . כ'בין דען טויב . . . זע נאָר אַ שרייען! . . .

האָט ברײַנדל געשריגן אַראָפּקריכענדיק פון דער לייטער. איר נאָז [illegible] געווען ווייך ביין און פאַרטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט ווי געוויינטלעך ביי אַ מענטשן, אַז מען וועקט אים אויף פונם געשמאַקן שלאָף. מ'האָט זי אַרויפ[illegible] געשטופּט אויבן אָן צום טיש אַריינגעשטעקט איר די געבנזעבע פּען אין דער

האַנט און אָן ווילן, מיט פאַרקלעפּטע ווייסע ברעמען, האָט זי געמאַכט ביים „גאום" אַ האַרבאַטע ריגגאַלע מיט צוויי שפּיצלעך:

— מזל טוב . . .

— מזל טוב . .

מ'האָט צובראָכן אַ טעלער און זיך אָנגעוויגטשעוועט:

מערטשי שעם ביי אונזערע קינדער . . . ביי דיין דודזיען . . . ביי דיין יאַנקאַלען ביי דיין ברכהן . . .

די ווייבער האָבן זיך צעקושט, געוויינט געשנייצט די נעז אין די שבת'דיקע פאַרטיכער אַריין;

— מזל טוב . . מזל טוב . . .

— מחותן . . . ווו איז ערגעץ דער מחותן . . . מחותן . . טאַטע . . . שווער . . . אַ שיינער טאַטע . . . — מען האָט געשריגן און גערופן פון אַלע זייטן. אָבער ר' שמואל-יאָסי האָט נישט געהערט. ער איז געזעסן אין גאָרטן ביים שטעלעכל, רייטענדיק אויף אַ קלאָץ און אים געטעסעט מיט דער האַק, געשלאָגן אין אים טשוועקעס מיט כח און בייזקייט און נעבן אים איז ברייגדל געשטאַנען דאָס קליידל אונטרגעשטעקט און זי האָט געגראָבן אַ גרוב מיטן רוסקאַל. דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן זיך ווי זייער שטייגער איז געווען נישט אָנגעקוקט, זיי האָבן געאַרבעט מיט חשק, איילעג'דיק און ענטשלאָסן מיט האַרטע אָנגעבויגענע קעפּ. ר' יחיאל סטאָליער האָט געזען דורכן אָפענעם פענסטער פון זיין שטוב אַז ס'גייט שוין טאַקע אין לעבן, די דרענגלאַך אין שטעלעכל וואַקסן אַריין אין די ליידיקע ווענט, איז ער צוגעקומען צום פלויט מיטן זאַק אויף די לענדען, האָט אַ גלאַנץ געטון מיט זיינע בייזע שלעגער-אויגן און געזאָגט, ציילענדיק מיט רציחה די ווערטער איינציקווייז צווישן די ציין פּאַוואָלי. און טרעסנדיק מיט זיין גראָער ברייטער גזלני'שער באָרד:

— אָ — ד עט — וו איר ,ל־יאָסי — מוא — ש ב — ע — ר —
— אַך עך זאָג — כלעך — לע — שטע קיין ען — בוי נישט
. . . איר הע — רט? רע — ב שמואל־יאָסי

ר׳ שמואל־יאָסי האָט תיכף נישט געענפערט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין צודרייטען קאַפּעלוש פונם אַלטן גראָען קאָפּ, צורעכט געמאַכט זיך די יאַרמולקע און געקוקט אויפן שכן מיט אַ האַלב צועפּענטן מויל, אַביסל קרום פון דער זייט, פאַרחידושט מיט דער אייביקער שטומער אומפאַרשטענדליכקייט אין בליק פון די גערעכטע אויף דער מענשליכער אומגערעכטיגקייט. דערנאָך האָט דער ייד גענומען קריגן זיך הויך מיט זיין האַלבצוגעדושעטן וויינענדיקן קול אומ׳ פאַרשטענדלעך און האַלב־וויינענדיק פאַרשלונגען:

— וואָס הייסט כ׳על נישט בויען . . אויף מיין גאָרטן . . . מיין פּראַצע . . . רויבערס . . . גנבים וואָס איר זייט . . . אין דיין טאַטנס טאַטנס טאַטן אַריין . . . די סטאָליערוק . . . דו מער — דער . . .

— און ר׳ שמואל־יאָסי האָט דער ערשטער אָנגעכאַפּט ר׳יחיאלן ביים לייבל, גענומען אים שלעפּן און טרעסען. פיר קולאַקעס, פאַרביסענע, שטומע האַרטע און שוואַרצע, האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די צי׳ טערדיקע בערד און איבער זיי, האָט ברייגדל געשריגן צוגעקוועטשט היקעוואַטע, וואַרפענדיק מיט די הענט, פאָכענדיק מיט דער אָבגע׳ ברענטער צופּלעטשטער נאָז:

— געוואַלד מערדערס . . . ער הרגעט עם . . . ער הרג׳עט דעם טאַטן . . . גע — וואַ — אַ — אַ — לד . . . מענ — ש — ע — ע — ען . . .

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך פוןביידע שכנ׳ישע שטיבער צוויי שרייענדיקע כוואַליעס אַ לאָז געטון און שפּיציקע, קוויטשיקע וויבערישע קולות האָבן זיך פון ביידע זייטן פלויט אָנגעשלאָגען אָן

איינאַנדער און צוריקגעשפּרונגען, אונטערטאַנצענדיק אויף איין אָרט. צו־
גויפגעקלעפּט אין האַרטע רעדלעך. העגט האָבן זיך געוואָרפן. בעז האָבן גע־
פלאַמט. אויגן האָבן געשפּריצט מיט גרינליכן שנאה־פייער אַהין און צוריק:
— ברענגען, טאַטעניו,
— שרפה׳נען, רבונו של ע — ו — לם . . .
— אויפן הייליגען אָרט, אויפן הייליגען אָ — אָ — אָרט . . .
דאָאָרט . . . דאָרט איז דאָ געגוג פּלאַץ צו בויען. דאָדט . . .
דאָרט . . .
— ברענען, אויסקאָרנייען ביזן כריסטאָס אַריין . . . גאָטע — ניו . . .
די ווייבער האָבן געקוויטשעט מיט בלויע ציטערדיקע מיילער,
געריסן זיך איינע איבער דער אַנדערער, געשטופּט זיך אין אַ בינטל,
אויפגעבונדען די פּאַטשיילעס אונטערן גאָמבע און צוגעבונדען.
די מאַנסבילן האָבן דערווייל געשוויגן. מ׳האָט זיך אַרומגעדרייט
פוןביידע זייטן גאָרטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אָנגעדרודעלטע לוירענ־
דיקע בעז, גרייט יעדע רגע צוצושפּרינגען צום פּלויט. ברײַנדל האָט
זיך דורכגעשטופּט צווישן די ווייבער אויף דער זייט גאָרטן. זי האָט
טרוקן־הייזעריקלעך געקוויטשעט מיט איר היקעוואַטע אומפאַרשטענד־
לעכן קול גיך און שווער:
— י — י — יודעלע גנב . . . מ׳אָטעך געפירט אַזוי אָ . . .
זי האָט איבערגעלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער צו
ווייזן, ווי אַזוי מ׳האָט געפירט יודעלען געקאָוועט מיט אַ קייט . . .
יודאַלעס שוועסטער, אַ לאַנגע דאַרע שוואַרצע מויד, ווי אַן
אונטערגעסמאַליעטע קאָטשערע, האָט זיך אַרויסגעשטופּט פאָראויס
אויף יענער זייט פּלויט און זי האָט געשריגען:
— ברײַנדאַלע . . . בראַנדאַלע קלאָץ, אַ בראָך צו דיר . . .
שטומע בהמה . . . אָבער אבע — ע — ע — דיין חתן האָט׳אָך אַ
פּאַרך און באַפּישט זעך, דער בלינדער וואַרעניק . . . דער . . .

בשעת'ן קריגען זיך איז דער חתן געזעסן אין שטוב און ס'האָט אים אונטערגעטראָגן אַרויס צו גיין אַ קוק טון וואָס דאָרט טוט זיך אַזוינס, אָבער די ווייבער האָבן נישט געלאָזט:

— דו, מיש דיך נישט, האַסקעל, זיי אין שטוב . . . גלייב מיר, זיי וועלן איינעמען אַ מיתה משונה, די סטאָליערוקעס . . די גנבים . . . ניש'קשה, ס'איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל . . . ער — וועט — צאָל — ען . . .

אַצונד אָבער, אַז דער חתן האָט דערהערט, אַז מ'שעלט אים, האָט דאָס אים אַ ברי געטון אין דער זיבעטער ריפ. ער האָט זיך אַ ריס געטון פונם בענקעל, זיין איינציק אייגעל איז רויט געוואָרן, פאַרגאָסן מיט בלוטיקע אָדערלעך, און ס'האָט אַרומגעזוכט אַ כלי זין.

— לאָזט מעך, לאָזט מעך נאָר . . . מענשן . . . ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס אייבערשטע פונם שטייסל, באַהאַלטן דאָס אין אַרבל און ער איז אַרויס אין דרויסן אַרויס צום פּלויט צו.

אין דער זעלבער מינוט איז פון יענער זייט פּלויט צוגעשפּרונגען יודעלע מיטן פאַריסענעם קאַשקעט. פון זיין אַרבל האָט אַרויס' געבלאַנקט אין דער זון די שאַרף פון אַ דאָליטע. ס'איז געוואָרן שטיל.ביידע צדדים האָבן זיך דערשראָקן. צונויפגעלאָפענע קעפּ, אונטען צווישן די ביימער, אונטערן בערגל, ביים עק פּלויט האָבן צושמייכעלט אַרויפגעגלאָצט פונדערווייטנס, איינהאַלטענדיק פאַרגאַפט די אָטעמס:

— זייט נאָר שטיל . . .

— וואָס קריכט איר . . .

— זעה נאָר אַ שטופּן זעך יענעם גלאַך אויפן קאָפּ אַרויף . . .

מ,האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט זיך עפּעס אָבטון אַ שיינע מעשה . . .

ביידע יונגען זענען געקומען נעענטער, גאָר נאָענט, געמאָסטן זיך אַקסל צו אַקסל, שטום היטענדיק איינער דעם אַנדערענס באַוועגונג,

איינער דעם אַנדערנס בליק, מיט אויסגעשטרעקטע אָנגעבויגענע קעפּ, ווי די הענער איינס אַקעגן-סאַנדרע. אַריינשפּיסענדיק אַזוי ד מעכטיקע שפּיציקע וואָנצעס אין די בלאָע געגאָלטע מאָרדעס זייער מיט דער אייביקער פאַרשטענדעניש פון בעל מלאָכה׳שן צעך, האָבן זיי דערווייל דאַניוכעטביידע דעם גוטן-ברודער איינאַנאַנדער, אויף צו לייען איינס ביי ס׳אַנדרע שמור׳ס אַ ראָמאַן, מאַכן איינאיינעם אַ לחיים ביי אַ קערטל, גיין אינאיינעם צו אַ שיקסע . . . אָבער די ווייבער האָבן אונטערגעהודזשעט שטיל-גיפטיק מיט געצויגענעם תחנה-נגון:

— אַ בראָך . . . נאָר אַ בראָך . ,

— אַ גיכער טויט . . .

און די צוויי יונגען האָבן זיך דערמאָנט, אַז אַצונד דאַרף מען זיך שלאָגן . . . באַווייזן די גבורות . . . די מיילער האָבן זיך פ רקרומט. די אייגלעך האַלב צוגעקוועטשט. ס׳האָט אַ ברי געטון אין אונטערשטן האַלבן קאָפּ. בלייכע האַלבע ווערטלעך האָבן זיך זי רגעוואָרפן:

— ווילסט זיין אַ שטאַרקער ? . .

— און דו מיינסט אַז ביי מיר וועסטו זיין אַ שטאַרקער ? . .

— עה . . .

— עה . . .

צוויי פאַרביילטע פויסטן האָבן זיך צוגלייך אַ הייב געטון מיט שטאַרקייט, געפלויגן מיט גבורה אַהין און אַהער און פאַרטראָגקען געוואָרן אין ווייבערשען קוויטש:

— געוואַלד . . . מערדערס . . .

— געוו — א — ל — ד ער קוילעט עם . . .

אַזויב האָט מען נאָך דאָ אויפן בערגל נישט געזען: בלוט. אַצונד זענען צוגעשפּרונגען די האָריקע מאַנסבילן מיט די געדעכטע

בערד פוןביידע זייטן פלויט:

— וואָס הייסט עפּעס דאָס — מערדערס . . .

און מ׳האָט צוריסן די שלעגערס. די ווייבער האָבן זיי אָבגעפירט פון ביידע זייטן פלויט אין די שטובער אַריין, ווישענדיק דעם אָ צובלוטיקטע נאָז, יענעם אַ צוהאַקטע ליפּ. און שיינדאַלע די אויגן פול טרערן, האָט אונטערגעזונגען מיט אַ תחנה-נגון דעם חתן:

— אַ גרויסער ווייטאָג . . . דיין כפרה, רבונו של עולם . . . די כפרה פאַר דיין מינדסטן נאָגעל . . . דער סטאָליערוק, דער מערדער, דער ג — נ — ב . . . דו ווייסט דען ווער ע — ר איז . . .

מ׳האָט זיך געשטופּט אַרום אים, געפּעכעלט, צוגעלייגט אַ נאַס האַנטעך צו דער נאָז, געזאָגט אים „דו״ מיט געטריישאַפט און דאַנקבאַרקייט. מיט ליבשאַפט ווי צו אַן אייגענעם וואָס איז איינ־געוואַקסן געוואָרן אויפן בערגל אין דער משפחה אַריין.

די זון האָט זיך קיילעכדיק-צוגליט געזעצט, געלאָשן זיך אין רויטן פאַרעך אונטען אויפן שטראָז אונטערן בערגל, און נידריק צע־שפּרייט די שאָטנס פון די ביימער. און ברײנדל איז געלאָפן אָנגע־בויגן, טרעסענדיק שווער אין דער קילער אויפדערגאַכטיקער ראָסע, מיטן שטעקן אין דער האַנט, אַהיים טרייבן די גענז פון דער פּאַשע. אונטען אונטערן בערגל, האָט זי באַגעגענט דעם טאַטן. ר׳ שמואל־יאָסי איז געגאַנגען מיטן סדור אונטערן אָרעם, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אין שטעטל אַריין דאַווענען מנחה-מעריב. ר׳ שמואל-יאָסי פלעגט גיין דאַווענען מנחה און מעריב אַראָב אין שטעטל אַריין נאָר דעמולט ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט, היינט האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין יאָרצייט. וואָזשע איז ער עפּעס פּלוצים אַצונד געגאַנגען דאַווענען אין שטעטל אַריין מנחה און מעריב? ער איז געגאַנגען מיט דער זייט פונם וועג אויף די האַרטע טרוקענע גרי־

דעס און די יידן אין מארק מיט די פארמעליקטע בערד, די בעקעשעס אנגעטון אויף איין ארבל האבן צוגעמאכט די געוועלבלעך. ס'האט געשמעקט מיט קו-מיסט און מיט פרישער מילך אין דער שטילער אוונט-דעמערונג, בלויליך פארקלערט. די טשערדע איז שוין אהיים געגאנגען פון דער פאשע. די שעפאלעך שווערע, פולע אנגעגעסענע האבן זיך געשטופט אין גערויטעלטן פארעך איינס אויפס אנדערע, געמעקעט, אויפהייבנדיק די מארדעלעך, דער בארוויסער פאסטוך מיט דער צופליקטער טארבע אויף די לענדן האט געקנאקט מיט זיין לאנגער בייטש און פארויס פון דער טשערדע, איז ווי תמיד געלאפן איינער אליין, א גרויסער א שווארצער חזיר.

## 5

די גארטנס זענען געשטאנען געל, צעשויבערט, ליידיקע אנטבלויזט פון די צייטיקע אויסגעגראבענע קרייטעכצער. די ביימלעך ליכטיקע אבגעטרעסעטע מיט צובראכענע צווייגלעך האבן זיך געווארעמט פארפלאנטערט אין זילבערנע פאוויטינעס אין דער געלער ווארעמער לעצטער זון. ס'איז געווען א גרויס גערעטעניש אויף פלוימען אין יענעם יאר. ראזדינע איז געווען פארפלייצט מיט פלוימען, גרויסע בלויליך פארהויכטע זיס-זאפטיקע און שווערע. יינגלעך האבן נעהאט פולע קעשענעס מיט פלוימען. די יידען פונם בערגל האבן אלע געהאנדעלט מיט פלוימען. אויף עפל און בארן האט מען זיך נישט אומגעקוקט. מ'האט זיי אבגעשיט אין די פינצטערע קאמערלעך אין גרויסע קופעס אויף שטרוי, באהאלטן אויף ווינטער. זיי האבן געשמעקט שארף מיט הארבער ווייניקייט. ערב ראש-השנה איז מען פון גאנץ פרי אן געשטאנען אין די פארשמירטע שפענצערס אין מארק מיט פעסער פלוימען און מ'האט געמאסטן

אויף דער ליטער די ווייבער אין די קיישלעך אַריין און מ׳האָט געזשויב געלייזט געלט.

מ׳האָט געהאַנדעלט בשותפות. ר׳ שמואל־יאָסי איז געשטאַנען מיט אַ פאַרפאַפטער באָרד אין מיטן צווישן די זין און איידעמס און ער האָט געשריגען, געבייזערט זיך אויף די ווייבער וואָס האָבן זיך געדינגען. ער האָט אַרויסגעריסן די קיישלעך פון די הענט און צוריק אַריינגעשיט אין פעסל אַריין די פלוימען:

— נישטאָ קיין פלוימען . . . גייט געזונטערהייט . . .

מיט שאַרפע אויגן האָט ער אַכטונג געטון מ׳זאָל צאָלן געקוקט אין די הענט אַריין און נאָך וואַרימעס האָט ער זיך שטאַרק געאיילט אַהיים צו גיין פונ׳ם מאַרק. ער האָט געציילט געלט און באַהאַלטן דעם פולן זאַטן בייטל אין כאַלעווע אַריין.

ברײַנדל איז געקומען נאָך וואַרעמעס צו העלפן דעם טאַטן אַהיים צו גיין פונ׳ם מאַרק. ר׳ שמואל־יאָסי האָט געהאַט קיין עין הרע אַ גוטן ערב יום טוב. ער האָט געלייזט ב׳ה און פאַרדינט. ער האָט זיך געאיילט אין געסאַפּעט. ער האָט נאָך באַדאַרפט אַרויפוואַרפן אַ פּירל שטרוי אויפן בוידעם, אויסשמירן די שטיוול מיט דאָיעט און לויפן אין מרחץ אַריין. דער ייד האָט געטראָגן אַ קאַסטן אויפן קאָפּ. ער האָט געיאָגט אונטערטענצלענדיק און אונטערגעטריבן ברײַנדלען. זי איז געגאַנגען נעבן אים און זי האָט געטראָגן צוויי ליידיקע, לענגלעכע, זיס־שמעקענדיקע פעסלעך פון פלוימען אויפן קאַרק:

— נו, מויד, וואָס קריכסטו עפּעס וואָס . . . גיכער . . . גיכער . . . ס׳איז שפּעט . . .

דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן געהאַט רויטע פאַרקלעפּטע הענט פון צוקוועטשטע פלוימען און זיי האָבן נישט געפילט די בייסענדיקע גרויסע פליגן וואָס האָבן זיך געזעצט אויף זיי. ר׳ שמואל־

יאָסי האָט צוגעהאַלטן מיט איין האַנט דעם ליידיקן קאַסטן אויפן קאָפּ און אין דער אַנדערער האַנט האָט ער זייער פאָרזיכטיק געטראָגן אַ לאַנג ווייס יאָרצייט-ליכט, וואָס ער האָט געקויפט אין געוועלבל. בריינדל האָט זיך געשאָקלט מיט צוויי פעסלעך אויףביידע אַקסלען. ביידע זענען געגאַנגען גיך אָנגעבויגן, נישט גערעדט אַ וואָרט, שווייגנ׳דיק פון זאַטער אָסיענדיקער צופרידנקייט האָבן זיי געטרעטן אויף די געלע בלעטער, אויפן פאַרוויאַנעטען גראָז מיט די שווערע האַריפּאַשנע פיס. אָבער אינמיטן וועג זענען זיי פּלוצים שטיין געבליבן מיט אָפענע מיילער פאַרחדושט. מיכאַלקע דער בריוו-טרעגער איז אַקעגן-געקומען, געבאַבערט זיך אין זיין לייוונטענעם בייטל און געשריגען:

— פאַן שמואל-יאָסי דאַך!

און ער האָט דערלאַנגט ר׳ שמואל-יאָסין אַ פּיערעקיגן ווייסן בריוו. דער ייד האָט זיך דערשראָקן געעפנט האַלב דאָס מויל און גאָר נישט געזאָגט. ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז עפּעס אַ שטיק פונם פּאָדאַטעק און דער סעקוועסטער מיט זיינע צוויי קיילעכדיקע באַקן-בערד ווי ביי פראַנץ יאָזעפן, וועט קומען שרייען און מיקאַלי דער פּאָליציייניק וועט אוועקטראָגן אונטערן אָרעם די געלע לייכטער מיט אַ קישן. ר׳ שמואל-יאָסי האָט צוריקגערופן דעם אַוועקגייענ׳דיקן באָרוועסן גוי מיט דער טאָרבע און געבייזערט זיך אויף יענעם, צונויפציענדיק דעם שטערן אין גראָבע קנייטשן און צומאַכענדיק איין אויג:

— הער נאָר דו. סוויניאַ אייגער, וואָס דו ביזט . . . וואָס איז דאָס עפּעס אַזוינס? האַ? דו . . . זאָג נאָר . . .

אָבער דער בריוו-טרעגער האָט נישט געוווסט.

— ביהמע נע זנאַיע / כ׳לעבן כ׳ווייס נישט / האָט ער זיך געשווירן דרייענדיק דעם קאָפּ מיט גויעשער חקירה — עפּעס איז

דאָס שוין אודאי . . . עפּעס אַ בריוו מסתמא . . . פון ערגעץ . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט דעם בריוו געטראָגן פּאָרזיכטיק, מיט אָפּשיי, ביי אַ שפּיץ, מיט די שפּיץ פינגער, ווי מ׳טראָגט אַ טויט מייזל ביים עקל, אויף אַרויסצוואַרפן דאָס אויפן מיסט . . . אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער געשריגען:

— שרה, נאַ אָטאָסטו אָ . . . ווו איז זי ערגעץ. די יידענע, וו . . . נאַדיר . . .

ווי די קעץ, וואָס דערניוכען פונדערווייטנס ערגעץ אַ נאַש צו ...ן, זענען די פאַרשמירטע ווייבער פונם בערגל, מיט די קינדער אויף די הענט, זיך צונויפגעלאָפן צו דער מאַמען אין שטוב אַריין. מ׳האָט אויפגעריסן דעם בריוו און ברייטע שמייכלען האָבן צוצויגן די צוקבייטשטע פאַרדאגהטע ווייבערישע פנימער. שיינדאַלע האָט תיכף דערקענט, אַז דאָס איז אַ ווונטשקאַרטע פונם חתן צו בריינד׳לען דער כלה. אַזוינס האָט מען נאָך דאָ אויפן בערגל נישט געזען. אַ בלוי רייזעלע מיט צוויי איידלע ראָזע הענט, אַ ייִנגלישע און אַ מיידלישע, וואָס דריקן זיך אין ליבשאַפט און אין דערמיט, איבער זיי, צוויי ווייסע טייבעלעך, וואָס קושן זיך מיט די פּיסקעלעך אונטער דעם אַלעמען אַ גאָלדענער לשנה־טובה אין אַ פאַרשנערקעלטער גאָלדענער שפּרוך אויף דייטש: „פיעל גליק אונד זעגען דעם נייעם יאַהר ענטקעגען“, דעם דאָזיגן שפּרוך האָט ערשט אהר׳עלע שכור נאָך יום־טוב איבערגעלייענט.

די ווייבער האָבן פאַרשעמט געשמייכלט, פאַרגנבה׳ט אַרונטער׳ געשאַרט אַ ווידערשפּעניקע האָר אונטער די פאַטשיילעס מיט אַ אייניציקן פינגער און אונטערגערעדט מיט אַ זיפץ:

— אַ גאָלדענער שידוך . . .

— שוין איינמאָל אַ שידוך . . .

שיינדאַלע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, איר נאָז האָט

אויפגעפלאַמט אין אָפּענער קנאה אָן באַהעלטעניש. זי האָט זיך אַ שטעל געטון אַקעגן דער שוועסטער אַריינגעטייטעלט מיט אַ פינגער ברײנדלען גלייך אין פּנים אַריין און פון איר פּיסק האָט פּלוצים אויסגעשאָסן מיט אַ קנאַק ווי פון אַ ביקס:

— נו, בראַנדל קלאָץ . . . אַזאַ טרפה מזל . . . אַזאַ חתן דאַרפסטו האָבן . . . בראַנדל . . . זאָלסט אַזוי געזונט זיין און לעבן צום נייעם יאָר צי דו דאַרפסט האָבן אַזאַ חתן . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך מער נישט געמישט צו דער גאַנצער מעשה. בשעת ער האָט אונטערגעכאַפּט די בינטלעך שטרוי, וואָס ברײנדל האָט אים געוואָרפן אויפן בוידעם אַרויף, האָט ער נאָר איינמאָל אַ קרעכץ געטון:

— מ׳וואַרפט אַרויס געלט אין דער בלאָטע אַריין . . . אוי ווײ איז מיר נישט געשען . . . איי, איי, איי . . .

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אָבגעקוילעט. אַ שיינע מעשה וועט זיך דאָ אָבטון . . וואָס הייסט עפּעס דאָס? מ׳וועט איינוואַלען דעם איווון . . . אָבגעבן אַ האַלבע שטוב . . . מ׳עט מאַכן אַ דײטשן איווון מיט אַ גרוב . . . און דערצו וועט מען נאָך אַרויסוואַרפן די פּאָר זילבער נדן, זיין בלוט און געגנוג . . איי, איי . . . ס׳איז נישט גוט און שוין . . .

כאָטש די חתונה איז געווען אָבגעלייגט אויף נאָך חנוכה און ברײנדלס בעטגעוואַנט איז שוין געווען איינגעשיט, הויכע און שווערע קישענס מיט איבערבעטן, האָט ר׳ שמואל־יאָסי פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געקענט גלייבן צי ס׳וועט עפּעס זיין פון דעם דאָזיגן שידוך . . . און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט דער ייד אַצונד דערפילט, אַז ס׳שטעכט אים אין די קריזשעס . . . די אַלטע ביינער טוען ווײ . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף שוין אַצונד נעמען טראַכטן וועגן ברײנדעלס חתונה, אָבער ער האָט נישט

געוואַלט . . . איי, טאַטע דערבאַרימדיקער, וואָס וועט עפּעס זיין דאָ דער סוף וואָס? . . . ס׳גייט אַ ניי יאָר . . . מיט נייע צרות און נייע דאגות . . . די התונה וועט קאָסטן געלט . . . אַ שיין ביסל געלט . . . מ׳דאַרף שוין אָנהייבן צו קלערן . . . אָבער ער האָט נישט קיין צייט געהאַט מער אַצונד צו קלערן. ער האָט גיך גענומען דאָס ווייסע, ריינע, יום טובדיקע העמד מיט די גאַציעס, וואָס דאָס ווייב האָט איינגעבונדן אין זיין רויטער נאָז־פאַטשיילע און אָנגעבויגן, מיטן פּעקל אונטערן אָרעם איז דער ייד געלאָפן אַראָב מיטן בערגל אין שטעטל, אין מרחץ אַריין.

## 6

אויף די ערשטע טעג סוכות איז געקומען דער חתן צו גאַסט מיט קנאַקענדיקע רויטע הענטשקעס אויף די הענט, שמייכלענדיק פאַר׳שעמט אין דער פאַרדרייטער וואָנצע אַריין. דער חתן האָט מיטגע׳בראַכט ברײנדלען אַ מתנה אַ שנורל גלעזערנע רויטע קרעלן און אַ קיילעכדיק שטיק פלאַמענדיק־ראָזעווע שמעקנדיקע זייף אין זילבערנעם פּאַפּיר געוויקעלט. בריינדל איז דעמאָלט נישט געווען אין דער היים. זי איז געגאַנגען אַהיים טרייבן די גענז. אַז זי איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין מיטן שטעקן אין דער האַנט און דערזען דעם חתן זיצן ביים טיש, האָט זי, ווי איר שטייגער איז געווען, אַ זיפּ געטון מיט איר אָבגעברענטער צופלעטשטער נאָז און אַ געשריי געטון, פינטעלנדיק מיט די ווייסע גרויסע קו־ברעמען:

— מ — אַ — מ — ע, גיי נאָר גיך, רוף אַריין שיינדלען . . . לויף מאַ — אַ — מע . . .

יום טוב אויף דער נאַכט איז דער חתן געגאַנגען מיטן מחותן דאַווענען אין שטעטל אַריין. ביידע זענען געגאַנגען און געשוויגן.

ר׳ שמואל־יאָסי האָט געהאַלטן אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זיין האַרט־רויט שטריימל מיט די אָבגעריבענע פוטער־עקלעך איז געווען ברוגז אָנגערוקט אויף דער יאַרמולקע. ר׳ שמואל־יאָסי האָט אויפן חתן קיין איינציק מאָל נישט קיין קוק געטון. נישט ביים דאַווענען און נישט ביים עסן אין סוכה. און ווען דער חתן איז יום־טוב אין דער פרי ביים דאַווענען, אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה און דער יונג האָט אָנגעטון דעם טלית אַרום זיין בלויער געגאָלטער מאָרדע, האָט ר׳שמואל־יאָסי טיפער אַראָבגעבויגן די נאָז אין סדור אַריין און ער דאָט צוגעהאַלטן די געלאַטעטע אייזערנע בריל מיט די הענט זי זאָל נישט אַראָבפאַלן . . . דער חתן האָט זיך געקרעקט שטיל און פאַרטומעלט, גיך געשלונגען די ווערטער מיט שוויס אויפן שטערן, אַ פּאָר מאָל פאַרהיקעט זיך ביי דער ברכה, ביי דער אַנ׳דערער, וואָס ס׳ליגט אין איר די גאַנצע בושה פון די בחורישע יאָרן און זי טוט וויי דאָס גאַנצע לעבן:

— אשר נטע נתן . . . אשר נתן נטע . . .

אין סוכה ביים עסן זיצנדיק אויסגעשטרעקט נעבן מחותן ביים פעסל, וואָס ס׳איז געלעגן אויף דעם דאָס לאָקשן־ברעט פאַרשפרייט מיטן טישטעך שמעקנדיק מיט האָניג און ווייסן קוילעטש, האָט דער חתן שוויגנדיק לייטיש געשטופּט דעם לעפל אין דער גרויסער שיסל אַריין, אינאיינעם מיטן מחותן. מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז ר׳ שמואל־יאָסי איז ברוגז. אַצונד אַז דער מחותן מיטן חתן זענען געווען אַליין ביידע אינאיינעם האָבן זיי ערשט דערפילט די טיפע פרעמדקייט צווישן זיך, די ווייטע פרעמדקייט פון פרעמדע מענשן, וואָס זענען געצוווּנגען צו זיין אינאיינעם. ביידע בעז זענען געווען גרעסער און אָנגעדרודעלט. ביידע האָבן האַרטנעקיק געשוויגן. גע׳כלעפּטשעט און געשוויגן. און די שטיקענדיקע שווערקייט, וואָס האָט געקלינגען פון דעם קלאַפּן מיט די לעפל האָט געוואָרגן אין האַלז,

זיי געטון.

ברײַנדל מיט דער מאַמען האָבן זיך נאָכן עסן אַרײַנגערוקט אין די הויכע אָנגעבעטע בעטן אַרײַן שלאָפן און אַז ר׳ שמואל־יאָסי איז אַרויפגעקראָכן אויפן הייסן פּעקאַלעק און אַ טיפן קרעכץ געטון, איז דער חתן פּלוצים נעלם געוואָרן פון דער שטוב. ער איז ערשט אַהיים געקומען העט שפּעט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט און די פענסטער האָבן געגליט אין יום טובדיקער פייער רויטקייט. ר׳ שמואל־יאָסי איז געזעסן ביים טיש אָנגעבויגן אין שטריימל, מיט די ברילן אויף זיין מעכטיקער האָרבאַטער נאָז פאַרן צושיטן געלען תהלים׳על און האַלטענדיק זיין רויטע נאָז־פאַטשיילע אין קולאַק האט ער געזאָגט, ווי זיין שטייגער איז געווען יעדן שבת אין יום־טוב נאָכן שלאָף, תהלים, זיין צוגעדושעט אַלט האַלבּ־פאַרשלונגען ווײנענדיק קול איז אַצונד געווען אויסגעצויגן אין יענעם נגון וואָס ס׳ליגט אין אים די גאַנצע יידישע טרויעריגקייט:

— למנצח לבני קורח . . .

דער חתן איז אַהיימגעקומען מיט פאַרפלאַמטע בעקלעך, זיין איינציק אייגל האָט געשיינט און ער איז נישט געווען אַליין: ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך יודעלע יחיאל סטאָלערס. ביי יענעם האָבן פריציש געסקריפּעט די שטיוועלעטן, דער צילינדער איז געזעסן אויף איין אויער און ס׳האָט אַפּירגעקוקט אויפן שטערן זיין האַרטער וויליונגישער טשיבּרוק.

— גוט יום טוב — האָט ער געזאָגט, אַ דריי טוענדיק אַ וואָנצע מיט צוויי פינגער:

— גוט יום טוב. — האָבן געזאָגט ברײַנדל מיט דער מאַמען.

שרה די בעקערין האָט די יונגען מכבד געווען מיט באַרלעך־יויך. ביידע האָבן דושענדיק אין זיך געלעכטערלעך, געטרונקען גוט־ברודערלעך, געקלאַפּט זיך אין די פּלייצעס, געזאָגט זיך „דו״

און זענען געווען, ווייזט אויס, שטאַרק חבר . . . ביידע האָבן דערנאָך אַביסל געפייפט מיט די מיילער און אונטערגעזוונגען פריילעך און טערווינקענדיק מיט אַ נישט־לייטישן מיין . . .

— אוי, אוי סע — ר — קע —

קום צו דיין ב — ע — ר — קע . . .

גערעדט האָבן זיי פון זאַכן, וואָס מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען. פון פאַך־זאַכן בעל מלאָכהשע. מיט די צושפרייטע האַרטע אָבגעאַרבעטע פינגער האָט מען געמאָסטן די שטוב, די ווענט, דעם אויוון און מ׳האָט אויסגערעכנט, ווו מ׳וועט אויסגראָבן דעם גרוב און אויפמויערן דעם דייטשן־אויוון:

— קודם כל, גוטער ברודער, מוזטו אָטאָ דאָ אונטער דער סטריכע ארויסהענגען, פאַרשטייסטו מעך, אַ שילד — האָט יודעלע אַן עצה געגעבן;

— עכ׳ל דיר מאַכן אַ שטאַרקע שילד פון דעמבענע ברעטער, פאַרשטייסטו מעך, גוטער ברודער, און אין קאָזלעוו וועסטו לאָזן אויפמאָלן דיין פירמע: חאַסקעל מאָזעס מעזוזע . . .

— די פירמע און אַ ברויט אין אַ קיישל, האַ, ווי מיינסטו? אָדער אַ ראָגל מיט אַ קוילעטש . . . באַשיט מיט מאָן? . . . — האָט געזאָגט דער חתן פאַרקנייטשענדיק דעם שטערן מיט מבינות.

— או . . . אָ . . . נו . . . זבח ומנחה לא חפצת׳ . . . — האָט ר׳ שמואל־יאָסי פלוצים מיט אַ בייזער געהעכערט דעם נגון. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן שטריימל, איבערגעמישט אַ בלעטל, הויך, מיט אַ פייפענדיקן טראָמייטער אַ שנייץ געטון די נאָז אין דער רויטער פאַטשיילע אַריין, גענומען אַ שטאַרקן שמעק טאַביק פון דער קאָרענער פושקע און ווייטער געזאָגט:

— למנצח מ — ז — מ — ו — ר לד — ו — ו — ו — ו — ד . . .

אַ גוי מיט קוילעס איז אַרייגעקומען קויפן אַ זעמל. בריינדל האָט אַרקאַטשעט איין עק פונעם גראָען וואַרעטע־טישטעך אויפן טיש און

דער גוי האָט דאָרט אַנידערגעלייגט דעם קופּערנעם גרייצער. דערנאָך האָט זיך בריינדל צוריק אַנידערגעזעצט ביי דער רובע און אונטער־הויבענדיק אַביסל דעם אָבגעצויגענעם האַרטן אַבגעבּרענטן קאָפּ אין דער שפּיסיקער רויטער זון ג׳ין פענסטער, האָט זי גיך גיך געדזיוּ־בעט דיניע־קערלעך פון דער קעשענע און די שאָלעכץ קונציג גע־שנ׳יגן אַ ווייט שטיק אַוועק.

יודעלע האָט זי אַ שטאַרקע געטון מיטן עלענבויגן און חוזקדיג אַ קנאַק געטון מיט דער צונג:

— נו, בריינדל, וועסט זיין אַ מלכה אף פסח . . . גיב מע אַ פּאָר דיניע־קערלעך . . .

בריינדלס שוואַרצער פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַן אָבגעשאָבענער באָריק. זי האָט געוואָלט ענפערן אַ שטאָך־וואָרט. זי האָט זיך פאַרהויקעט, די אויגן האָבן שווער געפינטעלט, די נאָז האָט בייז געזופּט און זי האָט געזאָגט געבענדיק יענעם אַ זשמעניע דיניע־קערלעך:

— דו . . . דו . . . יודעלע ה ס ען יאַאַיאַקאָש איבערגעבעטן . . . בבביזט גאָר נישט ברוגז . . . דו . . . דו . . . יודעלע . . . ביזט יאַקאָש . . . דאָ . . . אַבי עך האָב געמיינט אַז ביזט ברוגז . . .

דער חתן האָט נעלאַכט, געשטיקט און זיך זיין בעקעריש הוסטעל, געהויבן די בלויע מאָרדע און געוווּנקען צום חבר מיט זיין בלינד אייגל:

— האַ, נו, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער דריזדע . . . אַ רעכטע סחורה . . . האַ?

בריינדל האָט גיכער געדזיובעט די דיניע־קערלעך געשפּיגן און פּלוצים האָט זי גענומען רעדן צום חתן דאָס ערשטע מאָל:

— הערסטו וואָס עכל דיר דערציילן האַסקעל? . . . אַ שייבער

לייט ׳עט זיין פון דיר אַז ער וועט זיין דיין חבר . . . אַ שיינעם חבר אָסטו דיר אָבגעזוכט . . .

און באַהאַלטן, פאַרגנבעט, האָט זי מיט איר שאַרפן שפּיציק־פאַרדעכטיקן בליק נאָכגעשפּיזט ביידע יונגען פון אַלע זייטן. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. מוצאי יום טוב האָט זיך געטון ביי ר׳ שמואל־יאָסין אין שטוב אַ חורבן. דאָס לעמפּל אויפן דראָט האָט געררייכערט מיט וואָרענדיקער זאָרג. די שאָטנס אויף די בלייכע קאַלטע ווענט האָבן געציטערט אין בייזקייט מ׳האָט איבערגעקערט די שטוב, געזוכט אין אַלע ווינקאַלעך, אויסגעטרעסעט דאָס שטרוי פון די בעטן — אומזיסט. דאָס בייטעלע מיטן געלט, וואָס ר׳ שמואל־יאָסי האָט, ווי זיין טבע איז געווען, ערב יום טוב באַהאַלטן אין ווינקל בעט, אונטערן שטרוי, איז געווען פאַרשוווּנדען, יבש. מ׳האָט געזוכט, געגישטערט, איבערגעקערט די שטוב האָרון־קאָרין — נישטאָ. די אַלטע שרה די בעקערין האָט געקרעכצט, געהוסט, געשאָלטן די סטאָליערוקעס, די גנבים:

— אויסקרענקען, רבונו של עולם, דעם דאָקטאָר זאָלן זיי עס אוועקגעבן, טאַטע זיסער . . נאָר דעם דאָקטאָר . . .

ברײנדל׳ס פּנים איז געווען אויסגעקרומט, די אויערן בלאַס פאַרשפּיצט. זי האָט געהיקעט מיט פאַרביסענע ציין אומפאַרשטענדלעך, שווער:

— אַ טויט . . . אַ גיכער טויט . . .

ס׳איז געווען פאַרפאַלן, דאָס בייטעלע מיטן געלט.

— פאַרפאַלן ווי אין בראָד . . . — האָבן געזאָגט די מאַנסבילן פונם בערגל אין די שטריימלען און אין די וואָכענדיקע שפּענצערס שאָקלענדיק די באַוואַקסענע קעפּ מיט באַהאַלטענער הנאה אויף יענעמס שאָדן . . .

— גלייב מיר, טאַטע, ס׳איז נאָר יודאַלעס אַרבעט. ס׳איז דען עמיצער אַנדערש געווען אין שטוב? . . דאָס איז זיין אַרבעט,

יודאַלעס . . . — האָט שיינדאַלע אריינגערוימט דעם מאַטן איך אויער אַריין.

אָבער ר׳ שמואל-יאָסי האָט אויף איר אַ האַלבן ביין קוק געטון פון דער זייט, מיט אַ האַלב אויג אַ צוגעמאַכטס, פינסטער, פאַר׳ אומגליקט ביז אין ביין אַריין. ער האָט שוין לאַנג געוווסט, וועמעס אַרבעט ס׳איז . . . זוכענדיק מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, האָט דער ייד פלוצים אַ מוראדיקן געשריי געטון אויף די אייניקלעך מיט די גאָלדענע בענדלעך אויף די צובראָכענע דאַשיקעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אונטער די פיס, געהאָלפן זוכן . . .

— אַהיים גייט, ממזרים, כ׳על אייך נהרג׳ן, אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין געפלויגן געוואָרן . . . אָנגעראַבעוועט מיין בלוט . . . גנבים . . . רויבערס . . . וואָס האָט איר זיך פאַרלייגט אויף מיין לעבן וואָס . . . גזלנים . . .

ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף דעם יידן. ער האָט גערעדט גיך, גיך און געשאָלטן מיט זיין אומפאַרשטענדליך צוגעקוועטשטן קול, וואָס איז אַצונד געווען ברייט אויפגעלייזט אין געוויין. די ציטערדיקע הענט האָבן אָנמעכטיק אַרומגעטאַפּט די באָרד, די פלייצע האָט זיך געהויבן און ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז דער אַלטער ייד וויינט ממש מיט טרערן. נעבעך . . .

## 7

די עקן פון די גויהשע פערדלעך זענען געווען פאַרקניפּט מיט אַ האַרטן קורצן קניפּ און די בייכער נאַס, אָפּגעשפּריצט מיט אָסיענדיקער בלאָטע. יידן מיט די אונטערגעבונדענע האַרטע לייב׳ פּוטערס און גוים מיט די שפּיציקע גרויסע שוואַרצע נאַסע שמוישענע היטלען איבער די אויגן האָבן געגוואַדזשעט, אַן סמנים פון טריט

מיט די גרויסע שטיוול אונטען אויפן שטרױ די שיטערע סלאָטע, וואָס איז געווען ווייס און ווייך און זי האָט געגלאַנצט מיט אַ פעטן נעדעכטן גלאַנץ ווי סמעטענע, אָבווייסענדיק מיט אַ ווייסן זוים פון אונטען די פאַרטאַלאַפּעטע ווייבערישע קליידער אין די געוועלבלעך, אָנגעשטופּטע מיט גוים. ס'האָט געשמעקט מיט הערינג, אייזן און שמיר. דורך די דאַרע לײדיקע בײמלעך אויפן בערגל האָבן זיך ענג געווייסט אין דער טריבער רעגענדיקער גרויקייט די נאַקעטע אָנגענעצטע שטיבלעך פון ר' שמואל-יאָסיס משפּחה. פון אַ אויסגעזעצט שייבל האָט אַרויסגעקוקט אַ האָרבאַטע נאַסע שמאַטע. טעג-לאַנג האָט דער רעגן קרום געליאָפּעט, דינער און גרעבער, גערונען פון די סטריכעס און אויסגעווייקט די הינער, וואָס האָבן זיך פאַרגליווערט אין קאַלטער נעץ געטוליעט איינס אינס אַנדערע אין לײדיקן אָפּענעם שטעלעכל, זיצענדיק אַלע אין איין רייע מיט די איינגעצויגענע קעפּלעך האָבן זיי אויסגעזען ווי די לייכטערלעך פון אַ חנוכה-לאָמפּ. אויפן בערגל איז די בלאָטע געווען שוואַרץ האַרט-געדעכט דורכ' געמישט מיט מיסט און די שטיוול פון די יידן און ווייבער האָבן געזקנעטן אין איר ביז צו די קניעס טיפע שוואַרצע גריבער, וואָס זענען זיך אויפן דנאָ פאַרלאָפן מיט רעגן-וואַסער.

די משפּחה האָט געהאַנדעלט בשותפות. מ'האָט געפירט פירלעך מיט סחורה פון די דערפער, געפאָרן אויף ירידים, די בערד זענען געווען נאַס, אויסגעווייקט, אָנגעבויגן. מ'האָט געטראָגן די פולע אָסיענדיקע זעק אויף די ברייטע, האַרטע פּלייצעס, מ'האָט זיך גע' קריגט, געבייזערט, גערעכנט מיט קרייד קרומע לאַנגע אותיות און ציפערן ווי קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, אויף די טישן, אויף די טירן. און די אָסיענדיקע שפּע האָט אָנגעפולט די שטיבלעך אויפן בערגל מיט בלאָטע, קלאָטשע, שמאַטעס, פעלעכלעך, בולבעס און ברויט צו דער זעט.

— טשי טו מיעשקאַ פאַן שמואל־יאָסי דאַך! . . .

האָט געשריגען מיקאָלי דעד בריוו־טרעגער, האַלטענדיק אין דער האַנט אַ ווייסן בריוו פון ברײַנדלס חתן, פון קאַזלעוו. אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט געבונדן אויף דער ערד אין שטוב אַ בונד קלאָטשע, טרעטענדיק אויף אים מיט איין קני, און זיך געבייזערט אויפן גוי נישט קוקאַנדיק צו יענעם:

— דאָ שטאַרטי מאַטרי . . .

אָבער אַפּנים אַז אַלצדינג אין לעבן האָט זיך זײַן תיקון. אָרעלע שיכור האָט זיך פּלוצים געיאַוועט, כאָטש קיינער האָט אים נישט גערופן, און ער האָט זיך גענומען פּאַרען מיט זײַן שרײַבגעצייג בײַ די חתן־כלה־בריוו. אָרעלע איז אַמאָל געווען ערגעץ אין דער וועלט אַ פייפער בײַ די כלי־זמר, דערנאָך אַ בעלפער אין קאַזלעוו. ער האָט געקאָנט דײַטש און יידיש און אין שטעטל געלײנט און געשריבן חתן־כלה בריוולעך. אָרעלע איז געקומען צוקוואַטשען אין דער בלאָטע אויפן בערגל מיט אַ צופליקטן גרעלן שירעם אונטערן הערביקל, אַרײַנגעקוקט בויגענדיק זיך בײַם טונקעלען פאַרנעצטן פענסטערל מיט זײַן שיטערן שמייכלענדיקן בערדל אין די דריבנע שייגע אותיותלעך אין חתנס בריוול, וואָס דער קאַזלעווער בעלפער האָט געשריבן און ער האָט געלײנט מיט זײַן קוויטשענדיק צערטלעך קולעכל צו זיך אַליין:

„פיעל געליבטע אונד האָכגעשעצטע ברויט בערטהאַ!

מיט ציטערנדע הענד ערגרייפע איך די פען, אום דיר, מײַן געליבטעס לעבן הערויס צו שרייבן" — —

און כאָטש אָרעלע האָט שוין פון לאַנגע יאָרן געקאָנט דעם נוסח פון די חתן־כלה ליבע־בריוולעך אויף אויסווייניק, האָט אים פונדעסטוועגן, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען דעם ערשטן מאָל, האַרב געדרייט אין דער נאָז דאָס זיסע צערטליכע ליבע־געפיל און

זיינע רויטע צויאַטערטע אייגלעך זענען געווען פול מיט טרערן און ער האָט געענדיקט:

„אַלס איך דיך הערצליך גריססע אונד קיססע פאָן מיר דיין טריי־ער ברייטיגאַם                    האַסקעל מאָזעס מעזוזע.״

אָרעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם גראָבן דעמבענעם טיש, אַרויסגענומען אַ צעשיטן יידישן בריוו־שטעלער פונם בוזים, אויפגע־מישט די תשובה, וואָס שטייט פונקט דאָרט אונטען אונטערן חתנס בריוול, און שפּייענדיק אין שוואַרצן טינטער אַריין, האָט ער מיט אַ פאַרלייגט קעפל, געשריבן אויף זיין אייגען פאַרגעלטן בייגעלע פּאַפּיר, תשובה צום חתן:

האָכגעשעצטער אונד פיעלגעליבטער ברייטיגאַם!

„מיט ציטערנדען פינגערן ערגרייפע איך די פען אום דיר מיין טייערער געליבטער הערויס צו שרייבן מיין שמערץ . . .

קיינער האָט זיך צו אָרעלען נישט אומגעקוקט. אַמאָל נאָר האָט זיך שיינדאַלע אַריינגערוקט אַ פאַרטאַלאַפּעטע אָן אויסגעריסענע מיט אַ פאַרוויינט פאַרשמירט קינדל אויף די הענט, וואָס די פיסלעך דערפון זענען ווי געשטאַבען אויף איר שפּיציקן בויך, אַ רגע האָט זי זיך שמייכלענדיק שאָקלענדיק דעם קאָפּ, איינגעהערט צו די זיסע ווערטער און זיך באַלד אַ כאַפּ געטון מיט איר שרייענדיק קול:

— אַ ווייטאָג איז מיר אַ גרויסער אין מיין האַרצן, פרעגט באָר, וואָס כ׳שטיי . . .

און זי איז אַנטלאָפן אַהיים צו די טעפּ און צו די פאַרשמירטע קינדער אוו צום שוויגענדיקן בייזן מאַן אין פאַרטאַלאַפּעטן לייב־פּוטער אונטערגעבונדן מיט אַ שטריק.

אָרעלע האָט שוין געוווסט, ווען ס׳קומט אָן אַ בריוו פונם חתן און ער איז געקומען צוקריכן אויפן בערגל, זיך אַנידערגעזעצט אין שטוב בײַם טיש און געדזיאָבעט דאָרט מיט זיינע בלינדע אייגלעך

און מיט זיין פֿאַרזשאַווערטן פּען, מיט אַ פֿאַרלייגט קעפּל ווי ביי אַ קראַנק הינדל, פֿונם צושיטן בריווענשטעלער אַרויס.

ר׳ שמואל־יאָסין האָט אַלע מאָל אַ טיאָכקע געטון אין האַרץ, אַז ער האָט געזען זיצן אָרעלען איינעם אַליין ביים טיש. דער ייד האָט אַלע מאָל אַ ווונק געטון צום ווייב:

— זיי נאָר רואה אויף אים . . . יידענע . . .

אַז אָרעלע איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער גענומען זיך הכנעהדיק דרייען מיטן שירעם אונטערן הערבּיקל און פֿאַרלאַנגט געלט אויף אַ מאַרקע, דריטהאַלבן נייע גרייצער.

— שמואל־יאָסי — האָט געזאָגט די יידענע, אַרויסשלעפּנדיק די פֿויסט מיט טייג פֿון דער דיזשע, וואָס זי האָט געקנעטן, — שמואל־יאָסי, ער וויל עפּעס געלט דאָרט . . . פֿאַרן חתנס וועגן, אויף אַ בריוו דריטהאַלבן נייע . . .

אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט נישט געענפֿערט. ער האָט פֿון דער זייט אַ שטומען קוק געטון אויף אָרעלען, אַז יענעם זענען פֿאַרקילט געוואָרן די קישקעס אין בויך.

— אַ טפֿוה! זאָל ער ווערן . . . — האָט ר׳שמואל־יאָסי אַ שפּיי געטון. און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָרעלע האָט נאָך געפּרופֿט אַראָבגיין צו ברײַנדלען און נעמען ביי איר דריטהאַלבן נייע אויף דער מאַרקע פֿאַרן בריוו צום חתן. ברײַנדל איז געזעסן אונטען אונטערן בערגל ווי תּמיד ביי דער מולטער זעמל אויפֿן קלאָץ, וואָס איז געווען פֿאַרטראָנקען אין דער בלאָטע, אַז מ׳האָט אים קוים אַרויסגעזען און דער קאָפּ אירער איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ נאַסער גראָבער שאַל און פֿאַרקניפּט אויף דער פּלייצע מיט אַ קניפּ און מ׳האָט נאָר אַרויסגעזען איר שוואַרצע צופּלעטשטע געשטיפּעלטע נאָז. אַז ברײַנדל האָט דערזען אָרעלען פֿונ־דערווייטנס, האָט זי שוין געוווסט, וואָס ער וויל און זי האָט געשריגן ביז

היקענדיק:

— גגגיי . . . גיי . . . דו שיקאָרסקע גאָרגעל . . . קוקקוק־עם נאָר אָן . . . גיי אינדערערד אַ — ריי — ן מיטן קקק — אַרק . . .

## 8

דער פּראָסט האָט געברענט מיט אַ בלאָליכן ציטער. פון פאַר־טאָג אָן האָבן די ווייבער אויפן בערגל געצוואָגן און געריסן מיט שאַרפע פאַרפאַפטע קעמלעך די נאַסע וויינענדיקע קינדערשע קעפּ־לעך. זיי האָבן געשאָלטן, געקנאַקט די ניזשדע מיט די נעגל און געפלאָכטן האַרטע מיידלעשע צעפּלעך, ווי עקלעך פון מייזלעך. אין דעם בלויען פּראָסטיקן דרויסן האָבן זיך געטראָגן די קווי־טשיקע קולות אין האַרטן סקריפּענדיקן שניי אַראָב, אַראָב, אין דער ווייסער לײדיגקייט. דורך דער שטרויענער זאַהאַטע איינגעבעט אין לויטערן ווייכן שניי האָט מען געהערט ווי הערש־וועלוועל קריגט זיך מיטן ווייב און שעלט זיינע זון:

— שווייל דו . . . פאַרברענט זאָלסטו ווערן מיט זיי איב־איינעם . . . אין איין טאָג, רבונו של עולם . . .

שווארצע פאַרטראַכטע וואָראָנעס האָבן ביי ר׳ שמואל־יאָסין אויפן ווייסן מיסט פאַרשיט מיט שניי געדזיאַבעט מיט זייערע שאַרפע פּיסקעס די שאָלעכץ פון ציבאַלעס און זיי האָבן געפילט דעם געשמאַקן ריח פון די פעטע ווייכע אויסגעזאַלצענע קישקעס, וואָס זענען געלעגן אין שטוב אויפן זאַלצברעט איבער׳ן פּאָמע־שאַף.

אין שטוב האָט רייצע די שנור מיט פאַרקאַטשעטע רויטע הענט געשלאָגן אייער, געקלאַפּט שניי מיט אַ גאָפּל, געקלאַפּט צימערינג אין שטייסל און די אַלטע שרה האָט אַרויסגענומען פונם אויוון

גרויסע ברוינע לעקעכער, וואָס האָבן שאַרף געשמעקט מיט הייסער זיסקייט, און מען האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפן בעט. די ווייבער פונם בערגל האָבן זיך אַלע מאָל געדרייט אין שטוב, געניוכעט, געלעקט און אַ כאַפּ געטון עפּעס אונטערן פאַרטעך. מ׳האָט זיך געדרעשט, געלאָפן, די שטוב איז געווען פול אין די נעץ איז געדונגען פון די בלויע נאַקעטע אָרעמע ווענט, די סטעליע האָט געשוויצט מיט קיילעכדיקע אָנגעבלאָזענע טראָפּעלעך.

— וואָס מאַכט איר נישט צו די טיר וואָס... אַז מאַכן זאָל זיך אייך מכות אין האַלז, רבונו של עולם...

האָט ברײַנדל אַלע מאָל בייז אַ היקע געטון. זי איז געשטאַנען אין ווינקל ביים פאַרלאָפּענעם פענסטער און זי האָט זיך געצוואָגן דעם באַסן קאָפּ. דאָס פּנים איז בײַ איר געווען פאַרצויגן מיט ביי' זער נעץ און זי האָט געריסן אירע האַרטע געלע האָר, געקעמט זיי מיט אַ געדיכט פאַרפּאַפּט קעמל אָן ציינדלעך, געקנאַקט מיטן נאָגל אויף דעם און געזופּט מיט דער געשטיפּעלטער נאָז. די טיר האָט זיך אַלע מאָל אויפגעמאַכט מיט שווערקייט אַריינשפּאַרעב' דיק מיט געוואַלד אין שטוב אַ ווייסן וואָלקן פּאַרע. די אייניקלעך האָט מען נישט אַריינגעלאָזט, מ׳האָט זיי געקניפּן אין די הענט און געטריבן מיט אַ שטעקן.

אַלע מאָל האָט זיך אַריינגערוקט דער קאָפּ פונם שמש פאַרבונדן מיט אַ שאַל און ער האָט געפרעגט:

— נישטאָ דאָ דער בעלפער?...

און ער איז ווידער אַנטלאָפן.

דערנאָך איז אַריינגעקומען יענקל דער בעלפער מיט זיינע ספּאַ' לאָשעטע פּאות אָבגעקלאַפּט די שטיוול פונם שניי און געפרעגט:

— נישטאָ דאָ דער שמש?...

און ער איז ווידער אַנטלאָפן.

— שמואל־יאָסי, ווי ביזטו ערגעץ, שמואל־יאָסי, גיב אַ זעקסערל אויף צוקער.

האָט די יידענע אַלע מאָל גערופן און געקרעכצט. אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך נישט געמאַכט וויסענדיק. ער איז געלעגן אויפן פעקאַלעק און איז געשלאָפן. ער האָט זיך נישט געוואָלט נעמען צום בייטעלע און ס׳איז אָנגעקומען מיט מרור אַלע מאָל ביי דעם יידן אַרויסצורייסן אַ זעקסערל, אויף ראָזשינקעס, אויף בוימל און אויף איינגבער:

— נישטאָ קיין געלט . . . כ׳האָב נישט קיין געלט . . . כ׳האָב נאָך נישט אויסגעגנבה׳ט היינט קיין קלויסטער . . . געלט . . . נאָר געלט . . . גזלנים . . .

דער ייד האָט וויינענדיק זיך געבייזערט פונם פעקאַלעק אַראָב. געשריגען, איבערגעדרייט זיך מיטן האַרטן הינטן צו דער שטוב.

די חתונות פון אַלע קינדער זיינע האָט ר׳ שמואל־יאָסי דער דערפגייער געמאַכט פונם דרשה־געשאַנק און ער האָט נאָר באַדאַרפט אויסלייגן די פּאָר זילבער, ביז נאָך דער חתונה. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אויסלייגן. דער ייד האָט געוווּסט, אַז מ׳לייגט אויס איז פאַרפאַלן. ר׳ שמואל־יאָסי איז נאָך פאַרטאָג אַרויפגעקראָכן אויפן פעקאַלעק און ער איז געלעגן איינגעדרייט אין די הייסע שמאַטעס צווישן בריענדיקן פּאָרעך. און ס׳איז דעם אַלטן יידן גוט געווען אַזוי צו ליגן אין דער וואַרעמקייט און אָבצורוען די אַלטע ביינער פון די אַלע שווערע יאָרן האָראָוואַניע, פון די זעק, שמאַטעס, קלאָטשע, עפּל, ביינער.

ער איז געלעגן מיטן בויך אַראָב, צוגעמאַכט איין אויג, ברוגז. ר׳ שמואל־יאָסי האָט געהאַט אַ טבע, ביי אַלע חתונות פון זיינע קינדער, פאַר דער חופה ברוגז צו ווערן מיט די מחותנים, צו קריגען זיך און צו לויפן לאָדען זיך מיט זיי צום רב. היינט אָבער

ערב דער חתונה ביי זיין מוזינקע, ביי ברײנדלען, האָט ר׳ שמואל־יאָסי געפילט, אַז ער איז שוין ברוגז נאָך איידער די מחותנים זענען אָנגעקומען. ער האָט נישט קיין כח געהאַט צו דער־וואַרטן זיך. דאָס וואַרטן האָט אים קראַנק געמאַכט. ר׳ שמואל־יאָסי האָט געפילט אַז לאַנג, לאַנג וועט ער שוין נישט מער אָנציען . . . דער סוף דערנענטערט זיך . . . די אַלטע ביינער טוען וויי . . די פיס ציען . . . די קריזשעס ברעכן . . . מ׳זאָל כאָטש נאָר שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט אין אייגענע תכריכים . . . די יידענע אויך . . . ר׳ שמואל־יאָסי האָט געהאַרט אויפן מחותן וואָס דאַרף אָנקומען אויף דער חתונה. ער האָט געהאַט דאָס באַדערפעניש פאַר יענעם פרעמדען יידן זיך צו באַקלאָגן, זיך אויסטענה׳ן מיט אים, קריגן זיך: וואָס הייסט עפּעס דאָס? אַ האַלבע שטוב . . . איינוואַלען דעם אויוון, אַ דייטשער בעקער, פּאַרקעס, אייערבייגל . . . משוגע, צו מיטערע מיינע שונאים . . . אומע גיין צום רב . . . עך דאַרף נישט קיין דייטשן אויוון מיט די רויע פּאַרקעס און מיט די זויערע אייערבייגל . . . אַ יונגערמאַן נעמט די פּאָר זילבער נדן, אַ זעקל אויף די פּלייצעס און מ׳גייט קיין קיטקיוועץ אין דאָרף אַריין . . . וואָס דער אייבערשטער באַשערט, דאָס פּאַרדינט מען . . באַדיר גאָר אַזאַ מעשה . . . נו, נו . . . אַזוי וועט ער טענה׳ן מיט מחותן: וואָס הייסט עפּעס דאָס? . . . ר׳ שמואל־יאָסי האָט מיט אַן אויפגעשטעלטן אויער דערהערט אויפן פּעקאַלעק דעם ערשטן סקריפּ פון די כלי זמר וואָס זענען אָנגעקומען פון ראָזדינע. ער האָט געהערט ווי אין שטוב רעשט זיך, ווי די היימישע מחותנת׳טעס האָבן זיך אָנגערוקט שניר און טעכטער וואָס זענען שוין געווען פאַרפּוצט אין זייערע גרויסע שייטלען איבער די אויגן, מיט באַמבעלדיקע־ אויערינגלעך און מיט די שוואַרצע פּליטעלעך אויף די שוואַרץ־גרינליכע יופּיס נאָך פון זייער חתונות, וואָס האָבן

זיך פאַרדומפּען געפּילט נאָך שימעל און א סך יאָרן, זיי האָבן זיך פאַרזאָרגט, מיט פאַרשפּיצטע ברוגז׳ע נעז, געסודעט אין די ווינקאַלעך, וועגן דעם, וואָס דער חתן איז נאָך נישטאָ מיט זיינע מחותנים. אַלע מאָל איז מען אַרויסגעגאַנגען אויף דער שוועל אַ קוק טון פונם בערגל אַראָב אין דעם ווייס־בלאָליכן שטיל־טונקלען ווינטערטאָג אַריין און מ׳האָט אַוועקגעשיקט דעם בעלפער ער זאָל גיבער אַריבערלויפן אויפן שטראָז קוקן . . . ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך געטון אַ דריי איבער אויפן פּעקאַלעק פון איין זייט אויף דער אַנדערער אַראָבשרייענדיק:

— ר׳עט שוין קומען . . . ער וועט שוין קומען . . . נו . . . הא? . . . איי . . . איי . . . יידענעס . . . איי איי איי . . . לאָזן ניט צומאַכן אַן אויג . . .

די ווייבער טוען זיך פלוצים אַלע מיט אַמאָל אַ לאָז אין דרויסן אַרויס, מ׳שטופּט די פּאַפּוצטע קעפּ איינע איבער דער אַנדערע, מ׳זעט ווי ס׳בראָדזיען אין האַרטן סקריפּענדיקן שניי ביז איבער די קניעס, ס׳גיין דאָרט דער חתן מיט זיינע מחותנים, אַ טאַטע און אַ שוועסטער. די מחותנת׳טעס פונם בערגל האָבן זיך תיכף אָנגעדרודלט. מ׳האָט געקוקט פון דער זייט מיט אַ שלעכט אויג ווי דעם חתנס שוועסטער, אַ קורצע גראָבע דינסטמויד, מיט געפּודערטע ביסקלס, האָט זיך געשלייערט פאַרן געפלעקטן שפּיגל און באַלד איז זי שוין געשטאַנען אין טונקלען פאָרהייזל אונטער דער לייטער מיט יודעלע יחיאל־סטאָליערס, געלאַכט מיט אַ הויך אויסגעלאַסן קוויטשל און יודעלע האָט זי געקניפּן אונטער די אָרעמס. דעם חתנס טאַטע, אַ קלוגער באַהאָרטער הייזער־ייד, מיט איין אויג אַ בלינדס, האָט געזוכט עפּעס, געקרעכצט און זיך געגאַנגען מכין זיין.

— טאַטע, ווו איז ערגעץ דער טאַטע, שמואל־יאָסי, ווו ביזט ערגעץ ווו, די מחותנים זענען דאָ . . . נו, וואָס זאָגט מען עפּעס

צו דעם ייד וואָס . . . ליגט גאָר אויפן פּעקאַלעק . . .

די ווייבער האָבן גערופן, געבייטעלט חלומות, געבייזערט זיך פאַרטאַראַראַמט אין גרויס איילעניש. אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט אַראָבקריכן פונם פּעקאַלעק. דער ייד האָט געכראַפּעט הויך מיט דער נאָז, אָבער ער איז נישט געשלאָפן. ער האָט געהערט גאַנץ גוט, וואָס אין שטוב טוט זיך. ער האָט געהערט ווי דער חתן שיקט דעם בעלפער קויפן אַ פּעקל טוטין, ווי דער מחותן קרעכצט און וואַשט זיך די הענט אין פּאָמעשאַף אַריין, זאָגט הויך, מיט אַ פרעמדן קול אויף דער שאַרפער ר — ר — רייש, פּאַוואָלנע, מיט דער פרומער קוועטשענדיקער הכנעה פון הייזער־יידן:

אשר יצר את אדם, בחכמה . . .

ר׳ שמואל־יאָסין האָט אַ יעדע פרעמדע שאַרפע ר — ר — רייש אַ שטאָך געטון ווי מיט אַ מעסער אין האַרץ. ס׳האָט אים אונטער־געטראָגן אַראָבצוגיין פונם פּעקאַלעק און זיך נעמען קריגן מיטן מחותן. אָבער ווייל די ווייבער האָבן אים גערופן, האָט ער דווקא נישט געוואָלט אַראָבקריכן. באַלד אָבער האָט ער געהערט ווי דער מחותן גוואַדזשעט מיט זיינע ליידיקע יאַסלעס און בלאָזט אין לעפל, עסט וואַרימעס און קוויקט זיך מיטן הייסן רויטן באַרשט:

— אַ . . . אַ . . . פּ — י — י — . . .

ר׳ שמואל־יאָסין האָט די מעשה פאַרדראָסן, נישט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן. ער האָט זיך אויסגעהוסט, הויך געקרעכצט, און איז אַראָבגעקראָכן פונם פּעקאַלעק. אין ווינקל האָט ער זיך אָנגעטון די שבת׳דיקע בעקעשע מיט די צוריסענע עלנבויגענס, דאָס אָבגעריבענע שטריימל אויף דער יאַרמולקע און ער האָט זיך גענומען אַרומדרייען און שטוב דעם שטערן צוקנייטשט די גדעכטע האָריקע ברעמען צונויפגעצויגן אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ קאַטשילקע:

— שלום עליכם, מחותן . . .

האָט געזאָגט דעם חתנס טאַטע מיט אַ ווייכן הכנעה׳דיקן קוועטש.

— שמ׳עליכם . . .

האָט געזאָגט ר׳ שמואל-יאָסי מיט אַ האַלב מויל, ברוגז, איבער־געדרייט צו יענעם מיט דער פּלייצע. די טישן זענען געווען פאַרלייגט מיט בולקעס לעקעכער און ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַץ. דער מחותן האָט געגעסן פונם טעפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף ביידע קניעס. ער האָט אַליין אַזוי געוואָלט. אַזוי, זאָגט ער איז ער געוווינט:

— נישט קשה, מחותנת׳טע, זייט אייך נישט מטריח . . . עך עס אַזוי אויך . . .

ר׳ שמואל-יאָסי האָט אומגעדולדיק געוואַרט, געהיט מיט איין אויג ביז דער מחותן וועט אָפּעסן דעם באָרשט מיט בולבעס, דערנאָך וועט ער זיך נעמען מיט אים אויסטענה׳ן, קריגן. אָבער דער מחותן האָט אָפּגעגעסן, אַ קרעכץ געטון, אָפּגעווישט זיך די באָרד, געבענטשט הויך אויף אַ קול, צוגעקוועטשט מיט דער פרעמדער שאַרפער רר — רייש, אויפגעפּאַקט זיין טלומיקל גרייצער-מעשיות, מזוזות און ציצות, אַריינגעשטופּט אַ פּעקל פון דער סחורה אין בוזעם אַריין, אַ קוש געטון די מזוזה, און אָנגעבויגן, מיט פאַרשטעקטע פּאָלעס אין גאַרטל, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פונם בערגל אין שטעטל אַריין צו גיין ביז מנחה-צייט אין די הייזער . . .

ר׳ שמואל-יאָסי איז שטיין געבליבן מיט אַ האַלב-אָפּען מויל, די פאַרחידושטע נאָז אויפגעהויבן, און ער האָט געקוקט און געקוקט...

## 9

אין שטוב איז געווען אַ בהלה. דער בעלפער האָט געטראָגן בענקלעך און געשריגן. יודעלע יחיאל סטאָלערס, קאַלאָשן אויף די סקריפּענדיקע שטיוו־

לעטן מיט די קנאַקענדיקע הענטשקעס דעם דייטשן צילענדער אויף איין אוי־
ער, האָט געהאָלפן אָנטון דעם חתן. דער הויכער שטייפער קראַגן האָט נישט
געקענט זיך צוקנעפּלען. יודעלע האָט געאַרבעט מיט אַלע כחות, געשוויצט,
שיִער נישט אויסגעבראָכן זיך די פינגער דערביי: אַ שיין שטיקל אַרבעט.
דאָס געלע שניפּסל מיט די גרינע בלימעלעך האָט געשיינט, געקנאַקט פון
האַרטקייט. בשעת דעם טועכץ האָט יודעלע געמאַכט דערווייל חנדלעך
צום חתנס שוועסטערל, גערופן זי פרייליין און געשפּראָכן אויף דייטש:

— ביטע, פריילײן, טאַנצען זי איין קאַדריל... — דערביי האָט
ער זי מעשה־קאַוואַליער אָנגענומען גאַלאַנט ביי איר רויטער
פאַרהאַרטעוועטער דינסטמוידעשער האַנט און כאָטש מען האָט נישט
באַדאַרפט האָט יענע פונדעסטוועגן נישט־לייטיש אַ קוויטשל געטון,
טרעסענדיק די גראָבע ציצן. די היימישע מחותנתטעס אָנגעבלאָזן,
ברייט, אין די גרויסע שייטלעך, וואָס מ'האָט נישט אַרויסגעזען
אונטער זיי די שטערנס, האָבן געשלייערט די כלה. זייערע גרויסע
בעז זענען געווען אָנגעדרודעלט, ברוגז אויף דעם חתנס שוועסטערל
פאַרוואָס זי קוקט זיך נישט אום אויף ברײַנדלען. ס'איז איר נישט
אָנגעשטאַנען אַזאַ קליינשטעטלדיקע כלה. די מחותנת'טעס האָט דאָס
פאַרדראָסן. פאַרגנבה'ט האָט מען געוואָרפן צו יענער גרינע שנאה־
דיקע בליקלעך פול צאָרן. מען האָט נישט געקאָנט ליידן, וואָס
יענץ פרעסט כסדר, פאַקט אויף ביידע רויט־אָנגעמאָלענע באַקן.
שיינדאַלע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. זי האָט געשאָקלט
ביז מיט אירע באָמבעלדיקע אויערינגלעך און אויסגעשאָסן, אַז
יענע זאָל הערן:

— וואָס האָב עך עפּעס מורא וואָס פאַר די גרויסשטעדטישע
פרעסערס... לאָזן זיי מעך קושן גלייך אין ת... אַריין...
האָסטו געזען אַזוינס...

די דריי גויאישע קלעזמער מיט די רויטע נעז און אונטער־

געשוירענע פעטע קודלעס, האָבן אין ווינקל צווישן בעט געסטראַיעט די כלים. דער צובראָכענער באַס האָט אַ ברומענדיקן זעג געטון אהין און צוריק. דאָס פידאַלע, פאַרבונדן מיט שטריקלעך האָט אַרויס־געלאָזט אַ דין אָנזאָגענדיק סקריפּל וואָס האָט אַ גלעט געטון דאָס האַרץ מיט שמחה און פייערליכקייט. דער פייפער האָט הייזעריגלעך געגאָרגעלט פאַרכריפּעט אַביסל ווי אַ אינדיק. דאָס טייערע שפּילן פון די חתונה־קלעזמער וואָס מ׳הערט נישט מער דערנאָך אַזוינס אין גאַנצן לעבן. דער צימבל איז געווען אַ ייד. לייזער צימבל פון קאָזלעוו. ר׳ לייזער איז געווען אַ ברייטער טויבער ייד, פולע אויערן מיט שוואַרצע הערלאך, אַ גראָבע קיילעכדיקע נאָז מיט בראָדיוו־קעס ווי אַ צוואַקסענע בולבע וואָס האָט קוים אַרויסגעקוקט אין דער האָריגקייט פון זיין ברייטער גראָער באָרד ביז צום גאַרטל. זיין צודרייטער קאַפּעלוש האָט געהאַט אַ לאָך און אַ לאַטע. די אויגן פאַרזונקען אין צימבל און אַ כאַפּ געטון דערביי די יינגלעך ביי אַ באַהאַלטן אָרט אויף די הייזלעך פון פאָרנט אַ מאַך טועכדיק מיטן מויל גיך, ווי אַ הונט טוט אַ שלינג: הםםם . . . ער האָט געשפּילט אויף אַלע חתונות ביי ר׳ שמואל־יאָסין און אַהיים געפירט אַ שטיק לעקעך איינגעוויקלט אין דער נאָז־פאַטשיילע אין קעשענע. ר׳ שמואל־יאָסי פלעג אים אייביק אָנקוקן פאַרחידושט מיט איין אויג:

— אַ פּרנסה ביי לייטענס . . .

די שטוב איז שוין געווען פול. שטעטלדיקע מיידן, פאַרפּוצטע מיט שוואַרצע צוקנייטשטע אָבגעסמאַלעטע שטערנס און גראָבע אויסגעצוואָגענע צעפּ אויף די פּלייצעס, האָבן אַרומגעמענדיק זיך צו צוויי, געהויבן די שווערע גראָבע פיס אין די געלע זאָקן, געהויבן די זייטן און געדרייט זיך אין אַ רעדל צום ערשטן טאַנץ. מיד, הונגעריק, מיט בלייכע צושפּאַלטענע ליפּן איז די כלה געזעסן אַ פאַרשלייערטע אין ווייסן, אויף אַ שפּיץ באַנק, ווי מיידן וואָס

לערנען אָפּ ביים בעלפער אין סידור, אָנגעבויגן, די הענט אויפן בויך און זי האָט געדרימעלט, בריינדל, מיט אַ האַלב געעפּנט מויל, שטומפּיק ווי ביי אַ פיש און פאַרטשאַדעט אין בענקעניש נאָכן קלאָץ. אין דרויסן ביי דער טיר האָבן זיך שוין געשטופּט קוקערס איינגעוויקלט אין די וואָכענדיקע שאַלן, אָבער דודזיע בורמילע, האָט נישט געלאָזט קוקן. תמיד איז ער אַליין אַ קוקער אויף די חתונות, ער דראַפּעט זיך אויפן דאַך, צו קוקן אין פענסטער. היינט אָבער איז ער אַליין אַ מחותן. און ער האָט זיך נוקם געווען אין די קוקערס. דער דאַשעק פונם נייעם שבת׳דיקן קאַשקעטל איז אים שוין געווען צובראָכן מיט אַ נאָכהענגענדיק שטיקל און ער האָט אָן רחמנות געשלאָגן מיט זיין גראָבן שטעקן איבער חייבערשע פיס און נישט געלאָזט קוקן:

— וואָלסט שוין געמעגט די כפרה ווערן דודזיעלע בורמילע... נישט קשה... ס׳איז שוין צייט... גלויב מיר ס׳עט נישט זיין קיין לאָך אין הימל...

האָבן ווייבער געשאָלטן. די קוקערס האָבן געשטופּט די פּאַר בונדענע פּנימער צו די פאַרקאָוועטע שויבלעך. מ׳האָט געוואָלט זען דעם דייטשן חתן בריינדלס, און בריינדלען די כלה... אַ רעכטע כלה, בריינדל... מ׳זאָגט אַז זי האָט געבעטן דעם קלאָץ׳ ד[...]ר חתונה... ווו איז ערגעץ דער קלאָץ? ... מ׳זעט נישט ד[...] קלאָץ... לאָז זיין שטיל... זע נאָר אַ שטופּעניש... א[...]ן ס׳איז טאַקע געווען וואָס זיך צו שטופּן. אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען אין רודינקע אויף חתונות. יודעלע סטאָליער האָט גע־האַלטן אין דער לופטן, גאַלאַנט, דעם חתנס שוועסטערל ביי צוויי פינגער און געשפּאַנט מיט איר, געגירט אַ קאַדריל. די טאַנצענדיקע מיידן האָבן תמ׳עוואַטע געשמייכלט, נישט געוווסט ווו זיך צו דרייען אַהער און אַהער מיט די שווערע פיס ווי די קלעצער, אָנגעשלאָגן

זיך און צוריקגעגאַנגען הינטערוויילעכטס. יודעלע האָט געשריגן אויפן קול, קאָמאַנדעוועט:

— באַלאַ — סע — ע — ע — ע — ע — ע . . .

— טור דאַ — מע — ע — ע — ע . . .

ניין, אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען. מילא יודעלען קען מען. ער איז צוריקגעקומען פון טאַרנאָפּאָל אַ גאַנצער קנאַקער, אַ פריץ און אַ משומד. אָבער ווער איז עפּעס די יאַכנע דאָרט? דעם חתגס שוועסטערל? יודעלע שפּילט מיט איר אַ ליבע... ער וועט זי נעמען פאַר אַ כלה... מ'זאָגט אַז זי לעבט מיט אַ זשאַנדאַר... זי האָט שוין צוויי „קליינע" אין לעמבערג . . . זייט שטיל . . וואָס שטופּט איר אייך אַזוי מומע עטל . . . לאָזט הערן אַ סקריפּ כאָטש . . .

אָבער אַלע מאָל זענען די קלעזמער שטיל געבליבן. דער פייפער האָט געטון אַ רייס איבער דעם פייף אין מיטן דערינען, מיט אַ דריידעלדיקן בייזער, ווי אַ האָן אַז מ'שלאָגט אים איבער אין מיטן קרייען: ט — ר — ר — רו — ו — ו . . . דער באַס האָט דער לעצטער אַליין פאַרשפּעטיקט, אַ מרוקע געטון, און די מיידן זענען שטיין געבליבן אין מיטן טאַנץ, איין פיס אונטערגעהויבן, די נעז ברייט צושמייכעלט. וואָסי? סטעפאַנע בולבע דער באַלעבאָס פון די קלעזמער, האָט זיך אַלע מאָל אויפסניי געוואָלט באַדינגען. גויאיש איינגעשפּאַרט האָט ער געדרייט די קודלעס, געשריגן אַז מ'נאַרט אים אָפּ, אויסגעקלאַפּט רציחהדיק די לולקע און געבאָכעט מיט דער פויסט אין האַרץ:

— זאַ דורנאַ טאַקע נע בודע הראַטע . . .

ביהמע ניע . . . נעמאַ נענקאַ דורנעך . . . */

---

*/ אומזיסט וועל איך טאַקע נישט שפּילן. כ'לעבן אַז נישט. נישטאָ היינטיקע צייטן קיין נאַראָנים.

די מחותנת'טעס האָבן אים איינגענומען מיט גוטע רייד, געקריגט זיך מיט אים אויף גויאיש, אונטערגעשטופּט אים אַ שטיקל לעקעך, אַ האַלבע בולקע און צוגעזאָגט אַלע קרענק. מ'וועט אים געבן, מ'וועט אים באַצאָלן, די מחותנים וועלן אַריינוואַרפן אין צימבל אַריין, ער האָט נאָך צייט, ער נעמט נאָך נישט איין קיין מיתה משונה און ס'טרעפט אים נאָך נישט דער שלאַק. דער גוי האָט געקייעט די ווייסע געשמאַקע יידישע חתונה־בולקע און געטענה'ט ווייגס, אַז די מחותנים וואַרפן אַריין אַ הימנאָ */ אין צימבל אַריין און אומזיסט וועט ער אויף קיין זשידאָווסקי חתונות נישט שפּילן. ער וויל זיך באַדינגען. ס'איז געוואָרן אַ טומעל, מ'האָט זיך געשושקעט אין די ווינקאַלעך. די קוקערס האָבן זיך געדושעט געשאָסן בייזע געלעכטערלעך, זיך געשטופּט מיט מער חוצפּה אין דער טיר אַריין, און דודזיע בורמילע האָט שטום אָן אַ וואָרט צו רעדן געקנאַקט מיט זיין פאַלקע איבער ווייבערשע פּיס. געכאַפּט אַ יינגליש הימל און דאָס ווייט אָוועקגעוואָרפן:

— פּאַרוואָס שרפּסט נישט דו דוזיעלע . . .

מ'האָט געזוכט דעם טאַטן, די מאַמען. די אַלטע שרה די בעקערין האָט נישט געהאַט קיין כח אַרומצוקריכן אויף אירע אַלטע רעוו' מאַטישע פּיס. זי האָט געשנייצט די נאָז אין אונטערשטען קלייד אַריין און געקרעכצט:

— שמואל־יאָסי, ווו ביזטו ערגעץ, שמואל־יאָסי . . . עך לייג מעך אַנידער און שטאַרב . . . וויי איז מיר . . .

— טאַטע . . . ווו איז ערגעץ דער טאַטע? מחותן . . . שווער . . . טאַטע . . .

מ'האָט דערטאַפּט דעם טאַטן און מ'האָט אים איינגערוימט סודות אין אויער; וואָס הייסט עפּעס דאָס . . . די קלעזמער ווילן נישט

*/ אַ גאָרנישט.

שפּילן . . . מ׳דאַרף זיך באַדינגען. ס׳טייטש, טאַטע . . . אַ שיינער טאַטע . . . אָבער ר׳ שמואל־יאָסי איז געשטאַנען אין מיטן שטוב אין דער געדעכטעניש צווישן די מחותנים אויסגעגלייכט, דעם שטראָם פּאַרוקט פון אונטען אויף דער יאַרמולקע, די הענט איינגע־שטעקט אונטען אין די שיפּע בעקעשע־קעשענעס אויף דער פּלייצע, די נאָז רויט פּערפּלאָמט און ער האָט געשריגן מיטן וויינענדיקן קול הויך מיט אַ בייזער:

— רויבערס . . . גזלנים, כ׳האָב נישט אויסגעגנבהט קיין קלויס־טער . . . כ׳האָב נישט קיין געלט . . . מ׳דאַרף נישט . . .

אַן איידעם האָט זיך אונטערגערוקט, לייזער־וואָלף, שיינדעלס מאַן, אַ שוואַרצער קליינער ייד ווי אַ ציגיינער, וואָס איז ערשט נאָך דער חתונה געווען אַ זעלנער און זייט דעמאָלט איז ער געגאַנ־גען אַרומגעבונדן די שוואַרצע באָרד מיט אַ רויטער פּאַטשיילע. ער איז געווען א היינטיק־וועלטישער ייד און ער האָט נישט געקאָנט ליידן קיין עוולות. ער האָט ליב געהאַט גערעכטיגקייט. צום ערשט האָט ער געכאַפּט דעם שווער אין פּאָרהייזל אויף דער שוועל פון דער פינסטער. ער האָט זיך צורעכט געמאַכט דאָס שטריימל און געזאָגט:

— נו, שווער, וואָס מיינט איר עפּעס, האַ? . . וואָס איז עפּעס די מעשה מיט די קלעזמער? האַ? . . .

— ווא — ו — ע? וואָס בעבעט ער עפּעס דאָרט? אַ טפּיה׳ זאָלט איר ווערן! . . אָט מען שוין געזען אַזוינס . . .

ר׳ שמואל־יאָסי האָט אַ שפּיי געטון און איז אַוועקגעגאַנגען. לייזער־וואָלפן האָט די מעשה שוין אַביסל פאַרדראָסן.

— לאָזט נאָר . . . לאָזט נאָר מעך . . . האָט ער געשריגן שטופּענדיק זיך, דאָס שטריימל איבער די אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו די קלעזמער, צו סטעפּאַן בולבע, אָנגענומען אים ביי דער

פאַזעכע, געטרעסעט מיט אים אַהין און אַהער און אונטערטראָגענדיק יענעם אַ פּיסט אַ שווערע, אַ שוואַרצע און אַ האַרטע אונטער דער נאָז, האָט ער געזאָגט מיט זיינע געציילטע שטילע ווערטער דורך די ציין:

— הע.. טע כאַם סראַק, ווּעסט — שפּילן — צי — ב — ישט! קווינאַ*/ ... עך זעץ דיר אויס די ציין הע — רסט ...

און די קלעזמער האָבן אויפגעשפּילט אַ נייעם קאַדריל. די פּאַר־פּוצטע מיידן זענען זיך אַקייגן געקומען צו צוויי, געטופּעט מיט די גראָבע פיס ווי די קלעצער, צוריקגעגאַנגען אַביסל, זיך גענייגט און ווייטער געדראַלעט אויף יודעלעס שרייענדיקער קאָמאַנדע:

— באַלאַסע — ע — ע ...

— טור דאַ — מע — ע — ע ...

דער פייפער האָט געדריידעלט דין קוויטשענדיק אין דער אָנגעצויגענער ענגשאַפט אַריין, דאָס פידאַלע סקריפעט דער באַס ברומט. ס׳איז הייס און מ׳האָט נישט געזען, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער מסדר קידושין אין דער שאַל מיטן שטעקן און מיטן לאַמטערן און מיטן פאַרבונ־דענעם שמש, וואָס האָט געטראָגן די חופה אויפן אַקסל. מ׳האָט זיך געגומען אונטערשושקען, אַז חתן כלה זענען הונגעריק, פאַסטן געבעך אַ גאַנצן טאָג, מ׳דאַרף גיין צו דער חופה.

— מחותן, ווו איז ערגיץ דער מחותן ...

ר׳ שמואל־יאָסי האָט זיך נישט געמאַכט וויסענדיק. ער האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט זיך אַלע מאָל דורכגעדרייט דורכן אַלקער, ווו דער חתן איז געזעסן ביים לאַנגען טיש אויבן אָן מיט זיין בלויער פריש־אָפּגעגאָלטער מאָרדע אין דעם ברייטן נייעם רויטן שטריימל. זיין איינציק אייגל האָט געפינטעלט גלייך מיט זיין טאַטנס אייגל, דעם קלוגן הכנעה׳דיקן הייזער־ייד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו

---

*/ חזיר

טונקען לעקעך אין בראָנפן און קייען בנעימות׳דיק מיט די הוילע יאַסלעס. פרעמדע מחותנים זענען דאָ געווען ווי־ביק, אַ פּאָר אָרעמע יידן פונם שטעטל אונטען, דער שכן ר׳ יחיאל־סטאָליער מיט זיינע בנים, איז געזעסן אָנגעדרודעלט, ברוגז, כאָטש מ׳האָט זיך שוין געהאַט איבערגעבעטן. ר׳ שמואל־יאָסיס זין און איידעמס פונם בערגל ברייט־פלייציקע האָריפּאַשנע יידן אין די אָבגעריבענע שטריימלעך מיט די געטראַסקעטע פּאַכוועס פון זייערע גרינע בעקעשעס, די היימישע מחותנים האָבן באַשיינט די שמחה. די אייניקלעך, גרויסע און קליינע בחורימלעך אין די שבת׳דיקע קאַשקעטלעך מיט די גאָלדענע בענדלעך אויף די צובראָכענע דאַשיקעס מיט נאַסע נעזלעך, האָבן פאַרגנבה׳ט אונטערן טיש געשאָטן דעם געקאָכטן אַרבעס אין די קעשענעס אַריין און געקאָפּעט זיך אונטערן טיש מיט די שטיוול. יידן האָבן פאַוואָלי געשמועסט, גערייכערט ציגאַרלעך טוטין און דער חתן האָט דערציילט, אַז ער האָט שוין אַליין געזען אַ שטיקל כמאַרע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פונם הימל, ער האָט דאָס געפונען אין קאָזלעוו אויף דער פּאַשע שבת נאָך וואַרימעס, ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן, ס׳איז געווען געפרוירן, ווייך ווי דרעליעס און ער האָט דאָס צעשניטן מיטן מעסערל, אויף קליינע שטיקלעך . . .

## 10

— צ ו דער חופּה, צו דער חופּה . . . מ׳גייט צו דער חופּה . . .

— אָיר — יי — דער חתן גיי — ט . .

פייערלעך דריידעלט דער פייפער אונטערן ווייסן נידריקן אויס־געשטערענטן פּראָסטיקן הימל און סטעפּאַן בולבעס פידאָלע סקריפּעט, שפּילט דאָס שיינע טרויעריגע שטיקל וואָס מאַכט שווער דאָס האַרץ. די ליכט פלעמלעך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט ציטערן און שאָקלען זיך

פאַרחלומט, ווי די יונגע יאָרען, און די מחותנת׳טעס שטופּן זיך מיט זיי, איילענדיק פּאָראויס, מיט פאַרוויינטע אויגן פונם באַדעקענס, ווו די טרערן זייערע זענען געפאַלן אויף ברײנדלס האַרטן צאָפּ, וואָס מ׳האָט אָבגעשוירן מיט דער אַלטער פאַרזשאַווערטער שער. מ׳שנייצט זיך די נעז אין די אונטערשטע קליידלעך און מ׳שטופּט ר׳ שמואל־יאָסין אין דער פּליצע. דאָס ליכטל זיינס אין דער האַנט שמעלצט זיך, ווערט אַלע מאָל פאַרלאָשן און ער צינדט דאָס אָן ביים ליכטל פון זיין יידענע. ביידע פירן אונטער די הענט ברײנדלען צו דער חופה די מוזינקע, ארויס אין גאָרטן ארויס, נעבן לײדיקן שטעלעכל אויפן בערגל. ביים חתן נעמען אונטערפירענס זיין טאַטע מיט דער שוועסטער זיינער . . . מ׳פירט אים מיטן ברייטן שטראָם פאַוואָליע פּאַרזיכטיק, גלייך ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן. מ׳דרייט זיך שטום פול שרעקיגער פייערליכקייט אונטער דער צוקנייטשטער חופה, וואָס פּילט זיך נאָך ווייבערישער שוהל. דודזיע בורמילע האַלט זי בשותפות מיטן בעלפער. ער האַלט צווי דרענגלעך און ער קאָפּעט מיטן פוס די אַנדערע ייִנגלעך, די אייניקלעך, וואָס ווילן אויך האַלטן, ער לאָזט נישט, דודזיע, ער וויל אַליין האַלטן די גאַנצע חופה . . . מ׳דרייט זיך אין פייערליכן שטילן פראָסט און דעם מסדר קידושין׳ס איידל־הייזעריגלעכער קול גאָרגעלט זיך אין דער בלויער שטילקייט;

— קול חתן וקול כלה — ה — ה — ה

— קול ששון וקול שמחה ה — ה — ה . . .

די שטילקייט ציטערט אין די הערצער, מ׳פילט נישט דעם פראָסט, וואָס ברענט אין דער נאָז. די געדעכטע קופּע מענשן איז צונויפגעוואַקסן אין איין שוואַרצן קלומפּן אויף דעם ווייסלעך־בלויען שניי, וואָס טוט אַלע מאָל אַ קרעכץ אונטער די פיס. ס׳ווערט גאַנץ שטיל. די איינגע׳ האַלטענע אָטעמס גליווערן אין די געעפענטע מיילער. פון ערגעץ ווייט, ווייט, דאַכט זיך הערט מען דריבנע געציילטע ציטערדיקע ווער־

טער אין דער בלויער פייערלעכער שטילקייט:

— הרי את . . .

— מזל טוב . . . מזל טוב . . .

ר׳ שמואל־יאָסיס אויגן זענען נאַס. ער האָט נישט קיין צייט זיך אויסשנייצן די נאָז הויך מיט אַ טראָמייטער אין דער רויטער פאַטשיילע אַריין זיינער. די ווייבער וואַרפן זיך אויף אים, קושן זיך גיך אים, מ׳וויינט און מ׳קושט זיך, מ׳וויינט און מ׳קושט זיך:

— מזל טוב, מזל טוב . . . טאַטע . . . שווער . . . שוויגער מאַמע . . . מזל־טוב.

די אָנגעזאַפּטע פרייד שטיקט זיך אין האַלז און ווערט מיט קראַפט אַרויסגעשטויסן פונם פייפער, אונטערגעטראָגן פון סטעפּאַן בולבעס פידאַלע, גיך גיך און פריידיק — דאָס בעקאַנטע שטיקעלע פון די קלעזמער, גייענדיק פון דער חופּה, וואָס ס׳ליגט דאַרין די פרייד פונם גאַנצן לעבן:

— שווער, שוויגעער... מזל טוב דער שווי — י — י — גע — ר . . .

ר׳ שמואל־יאָסי הערט קיינמאָל נישט ביי אַלע חתונות פון זיינע קינדער דאָס טייערע פריילעכע שטיקעלע נאָך דער חופּה. ער האָט נישט קיין צייט, ער לויפט פאָרויס. ער איילט זיך צוקומען פריער אין שטוב אַריין פאַר איטליכן און אַכטונג טון. דער בעלפער אָבער לויפט נאָך פריער. ער שרייט און רוקט טיש און בענק און איידער ער האָט נאָך צורעכט געמאַכט דעם טיש טראָגט מען שוין פון אַלע זייטן. מ׳לויפט, מ׳שרייט און מ׳שטופּט זיך. די אַלטע שרה רוקט די הייסע פאַרענדיקע טעפּ פונם אויוון, פון דער רובע. מיט פרישן מיט נייעם כח וואָס קען זיך נישט אויסלאָזן, קיינמאָל נישט. די מאַנסבילן האָבן אַרומגעבונדן פאַרטיכער ביי די הויזן, פול מיט בולקעס. די שטריימלעך זייערע זענען פאַרוקט אויפן קאָרק:

— לאָזט נאָר . . . לאָזט נאָר מען מחותן . . . דער בעלפער



אַבאון / ...אַמעק

שטופּט זיך. ער טראָגט דעם גרויסן פּאָמעשאַף אויבן אָן צום טיש דער חתן זאָל זיך וואַשן.

ברײַנדל זיצט נעבן אים און זי בלאָזט אין לעפל אַרײַן כלעפּ־טשעט הויך אויף אַ קול די גאָלדענע יויך, דער ווײַסער שלײער האָט זיך איר אַביסל אַראָפּגערוקט קרומלעך אויפן שטערן און זי זופּט בײַז מיט דער נאָז. זי זעט וואָס דאָ טוט זיך און זי זוכט מיט די אויגן דעם טאַטן, ער זאָל אַכטונג טון . . .

מ׳כאַפּט, מ׳לויפט, מ׳קײַעט, מ׳נעמט און מ׳עסט. מ׳שנײַדט בולקעס און מ׳פּאַקט דרײַשפּיציקע שטיקער לעקעך אין די נאָז־פּאַטשײלעס אַרײַן. ר׳ שמואל־יאָסי שטופּט זיך, די פּאָלעס פֿאַרשטעקט אין גאַרטל אָנגעבויגן. ער פֿאַרלירט דאָס שטרײַמל און ער שרײַט אומפּאַר־שטענדלעך מיט זײַן צוגעדושעטן האַלב־ווײנענדיקן בײַזער. געוואַלד מ׳שטעלט אים בדלות. מ׳צוטראָגט אים די בײנער:

— גזלנים . . . וואָס טוט מען נישט אַכטונג וואָס . . . געוואַלד עלעך שרײַען, רויבערס . . .

מ׳הערט אים נישט. מ׳שטופּט אים, מ׳שלעפּט אים מיט אין רעדל, אין גערודער, די גרינלעכע בעקעשעס גלאַנצן אין האַלב־טונקלען ליאַרם, די אויערינגלעך באַמבלען זיך, די צופּלאַמטע מחותנת׳טעס שרײַען, שעלטן, מ׳כאַפּט פֿון די טעפּ, מ׳טראָגט, מ׳קײַעט מיט פֿולע מײַלער, מ׳שרײַט אין לויפּעניש, מ׳צוברעכט אַ שיסל, מ׳קריגט זיך, מ׳נעמט און מ׳באַהאַלט אין די קעשענעס . . . ר׳ שמואל־יאָסיס באָרד ציטערט, שאָקעלט זיך, ער וואַרפֿט די הענט אויף פּלײצעס, כאַפּט אָן אַקסלען און שלעפּט דעם שמש, בײַזערט זיך, קריגט זיך מיט אים.

— וואָס זאָגט מען עפּעס צו דעם יידן וואָס . . . וואָס רופֿט מען נישט קײן דרשה־געשאַנק . .

— געוואַלד עלעך שרײַען . . . כ׳על מיר אַ מעשה אָנטון . . .

דער שמש קריכט אַרויף אויפן בענקל אין מיטן שטוב, אונטער־שפּאַרענדיק מיטן שטריימל די סטעליע, זיין גרוי שיטער בערדל הייבט זיך. פון זיך, אַליין. ער פּאַטשט איןביידע הענט און שרייט הייזעריק דעם האַלז אַרויסגעשטעקט פון די פּאַטשיילעס:

— דרשה־געשאַנק חתנס צד . . .

— דרשה־געשאַנק כלה׳ס צד.

— מחותנים נעמט אייך צו די בייטעלעך . . .

— חתנ׳ס צד . . .

— כלה׳ס צד . . .

פּאַוואָליע האָט זיך ר׳ שמואל־יאָסי אָנגעבויגן צו דער כאָלאַוועע, פּאַוואָליע מיט שווערקייט. ס׳האָט געדויערט זייער לאַנג ביז ער האָט אַרויסגענומען דאָס גראָבע פאַרבונדענע לייווענטענע בייטעלע זיינס, אַ קרעכץ געטון און אַריינגעלייגט אין טעלער אַריין ווי ביי אַלע חתונות פון זיינע קינדער, צוויי האַרטע גלאַנציקע זילבערנע ראַניש מיט אַ קלונג. ר׳ שמואל־יאָסי איז געשטאַנען נעבן טעלער און אַכטונג געטון. אָבער ס׳איז געווען, ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. ס׳איז נישט געווען קיין דרשה־געשאַנק. פון דער כלה׳ס צד האָבן די היימישע מחותנים, ווי זייער שטייגער איז געווען, אַריינגעוואָרפן אַיטלעכער אַ האַלב ראַנישל אין טעלער אַריין און שוין. פונם חתנ׳ס צד — איז שוין געווען אַ רעכטער דרשה־געשאַנק. דעם חתנס טאַטע, דער אַלטער בלינדער הייזער־ייד איז צוגעקומען אָנגעבויגן, קייענדיק מיט די ליידיקע יאַסלעס און ער האָט אַריינגעוואָרפן צוויי זעקסער, וואָס דער חתן האָט אים אונטערגעשטופּט אין האַנט אַריין:

— טאַטע, גיי גיב דרשה־געשאַנק . . .

האָט דער חתן שכל געהאַט דעם אַלטן אייננצורוימען א סוד אין אויער. די שוועסטער, די לעמבערגער דינסט־מויד, האָט אָנידער־

געשטעלט עפּעס אַ גלעזערנעם שמויגער, אַ שטיקל טשערב. אַ „בלומענ־וואַזע" . . . האָט דער שמש אויסגערופן חוזק'עוואַטע צומאַכענדיק איין אייגל און ר' שמואל־יאָסי האָט צו אים אַ קוק געטון אין דער הויך מיט אַן אָפן מויל, פּלאַם־פייער:

— נו . . . נו . . .

די פּאָר שטעטלדיקע אָרעמעלייט האָבן זיך אָבגעטראָגן גיך, תיכף נאָכן עסן, און ר' יחיאל־סטאָליער האָט אַריינגעוואָרפן צוויי זעקסער'לעך אין טעלער אַריין, שוין אינאיינעם האָט עס געהייסן, פּאַר די בנים זיינע אויך. שיינדאַלע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. זי האָט זיך דורכגעדרייט דורכן טאַטן און צו אים אַ זאָג געטון הויך, אַז יענע זאָלן הערן:

— מ'אָט זיך אָנגעפּרעסן אומזיסט דיין בלוט, טאַטע . . .

— וואָס דען מ'האָט נישט קיין שכל ביי לייט . . . — האָט זי גערעדט, די נאָז צופלאַמט אין צאָרן.

ר' שמואל־יאָסי האָט גאָר נישט געזאָגט. ווען אַ הונט זאָל דעמאָלט געוועזן אַ לעק טון זיין האַרץ, וואָלט ער זיך געווען גע'סמ'ט. דער ייד האָט צוויי מאָל איבערגעציילט דאָס דרשה־געשאַנק. ס'איז געוועזן גיינטהאַלבן אייבערלעך. די חתונה האָט געקאָסט זיין בלוט, צוועלעף ראַניש . . .

בשעת ר' שמואל־יאָסי האָט אַרומגעבונדן דאָס בייטעלע און דאָס באַהאַלטן אין כאַל־יעווע אַריין, איז צו אים צוגעקומען דער חתן און אים אָנגערופן אין ווינקל אַריין:

— זייט זשע מוחל, שווער . . .

דעם חתנס שטראַם איז איצט געווען האָפּערדיק פּאַרוקט אויף אַן אויר, זיין בלאָע געגאָלטע מאָרדע האָט געגלאַנצט מיט אַ פעטן זאַטן אָנגעגעסענעם גלאַנץ און דאָס בלינדע אייגל זיינס האָט געפינטלט מיט האנה:

— וויפיל איז געווען געלט, שווער? . . .

— וואָסער געלט? . .

האָט געפרעגט ר׳ שמואל-יאָסי אַוועקקוקענדיק.

— וואָס הייסט וואָסער געלט? דער דרשה-געשאַנק . . .

— נישט מער כח אויף מיינע שונאים... ניינטהאַלבן איינערלעך . .

— נו, ווו זשע זענען די ניינטהאַלבן איינערלעך, שווער? . . .

— או . . . או . . . — האָט ר׳ שמואל-יאָסי געזאָגט — געהערט טענות פון אַ ייד . . . מ׳האָטעך עפעס געמאַכט די חתונה צי נישט . . .

— וואָסער חתונה?... — האָט געפרעגט דער חתן אַ הייב טוענדיק די מאָרדע.

— וואָסער חתונה . . . וואָסער חתונה . . . געהערט טענות פון אַ ייד . . .

האָט ר, שמואל-יאָסי זיך נאָכגעקרומט מיט אַ בייזער — נו, וואָס זאָגט מען עפעס צו דעם ייד וואָס . . .

— גיט-זשע אַהער דאָס געלט, שווער . . . ס׳איז דאָך מיין געלט . . . מיין דרשה-געשאַנק . . .

ר׳ שמואל-יאָסי האָט נישט געענפערט. ער האָט ווי זיין שטייגער איז געווען פון דער זייט אַ קוק געטון מיט זיין פאַרחדושטן האַלבן בייזן קוק אויף יענעם און אַ שפיי געטון:

— טפו זאָלט איר ווערן . . . מיינע שונאים . . .

און ער איז אַוועקגעגאַנגען פונם ווינקל טאַנצן מיט דער כלה דעם מצוה-טאַנץ. ר׳ שמואל-יאָסי האָט געהאַלטן ביי איין עק פון זיין רויטער נאָז-פאַטשיילע און ברײַנדעלע ביי דער אַנדערער. דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן זיך געדרייט אָנגעבויגן בייז נישט אָנקוקענ־דיק זיך, די קעפ אַהין און אַהער, ווי דעמאָלט, ווען ר׳ שמואל-יאָסי פלעג אָנקומען פונם דאָרף מיטן ליידיקן זעקל און פאַרבייגיין דורך

ברײנדלען, װוּ זי איז געזעסן אויפן קלאָץ מיט דער פּולער מולטער־זעמל. דערנאָך האָבן זיך מיט ברײנדלען אָבגעדרײט די איבעריגע מחותנים, האַלטענדיק בײ אַ שפּיץ פּאַטשײלע גיך, גיך און מיד־־לעפעריג. מ׳האָט זיך געאײלט צום משפּחה־טאַנץ. אָבטאַנצן און אַהײם גײן. מ׳דאַרף אם ירצה השם מאָרגן פאָרן אויפן יאַריד, גײן אין דאָרף אַרײן.

צװײ מחותנת׳טעס, שװאַרצע, גידריקע און ברײטע, האָבן זיך אַרומגענומען מיט די הענט, געטאַנצט פּאַװאָלינע קוים הײבענדיק די פיס, געשאָקלט זיך בײדע גלײך און זײ זעבען ענלעך געװען צו צװײ צונויפגעװאַקסענע טעפּ. דערנאָך האָבן זיך אַרומגענומען רײצע מיט שײנדלען, האָבן זיך אַרײנגעדרײט אין דער מיט אַרײן, צװישן זײ האָבן זיך אַרײנגעפּלאָכטן די ייִנגלעך מיט די מײדלעך. די מאַנז־בילן האָבן פאַרהויבן די פּאָלעס פון די בעקעשעס אויף אײן האַנט, האָבן געמאַכט אַ רעדל, געטאַנצט פּאַװאָלינע, דערנאָך שטאַרקער, הײ־סער, מיט אָנגעבויגענע קעפּ, געהויבן די שװערע שטיװל, אַרויס־שטעלענדיק די ברײטע הינטערס מיט די װײסע לאַטעס. די קלעז־מער האָבן געשפּילט אַ קאָלימײקע. גיך גיך מיט געצװיגענע פרײלעכע דינע קװיטשלעך, דעם לעצטן משפּחה־טאַנץ. די גאַנצע משפּחה פונם בערגל האָט זיך איצט אַרײנגעדרײט אין אײן רעדל אַרײן, געטאַנצט, געהאָפּקעט, געדרײט זיך, געהוליעט מיט הײסע פאַרשװיצטע שטע־רענס, די נעז האָבן געפּלאַמט און מ׳האָט געשריגן און גערופן:

— שװער . . . טאַטע . . . װוּ ביזטו... טאַנצן . . . אָסט אויסגע־געבן די מוזינקע טאַטע . . . טאַנצן . . . טאַטע װוּ ביזטו ערגעץ װוּ . . .

אָבער ר׳ שמואל־יאָסי האָט נישט געהערט. ער איז אַקוראַט, װי בײ אַלע משפּחה־טענץ, בײ די חתונות פון זײנע קינדער, געזעסן אונטערן פּלויט בײם שטעלעכל, אַקײגן דער קײלעכדיקער װײסער

פראַסטיקער לבנה און ער האָט געטון זיין באַדערפעניש. די געלע לעכטיקע פאַרקאָוועטע פענסטער האָבן הילכדיק אַראָפּגעשיינט מיט פריילעכן שפעט־נאַכטיקן קלעזמער־שפּיל, אַראָפּ פונם בערגל, וויט אין דער שטילער פראָסטיקער נאַכט אַריין. דאָס טופּען פון די פיס האָט שטומפּיק געציטערט אין דער ווייסלעך בלאָער ווינטער קעלט, ווי אַ לייכט ערד־ציטערניש.

ביים עפענען די טיר האָט זיך אַ שפּאַר געטון אַ קלינגענדיקע רעש'עדיקע פאַרע דורכגעמישט מיט פאַרטראָנקענע קולות און קלעזמער־שפּילן, און צוגעהאַקט געוואָרן. מ'האָט נאָך אַלץ געהאָפּקעט, געהוליעט, געהויבן די פיס, געבויגן די קעפּ איינער צום אַנדערנס פּלייצעס, ווייבער מיט מאַנזבילן אינאיינעם, אין איין צונויפגעוואַקסן רעדל, אָן אָטעם, הייס, מיט כח. די סטעליע האָט זיך געטרעסעט, די שויבן האָבן געציטערט. אין סאַמע מיט רעדל האָט דודזיע בורמילע געטאַנצט, געהויבן, געוואָרפן זיינע גרויסע שטיוול. מ'האָט געזען די פּאָדקעוועס פון זיי. זיינע נאָזלעכער זענען געווען צושפּרייט ווי ביי אַ לויפנדיק פערד, ער האָט אַלע מאָל אונטערגעהויבן איין פוס און געשריגן צום טאַקט פון די קלעזמער:

— ייטי — די — באָם — כ'האָב אַ נייע מוה — עעעעע.

— ייטי — די — באָם — כ'האָב אַ ב — יי — ע — ם פע' טעער . . .

— ייטאַאַאָם. . . ייטאַאַאָם. ייטאַ — אַ — אַ — אַ — אַ — אַ — ם

ר' שמואל־יאָסי האָט אויסגעמיטן דאָס רעדל. מ'האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיינע פּלייצעס, מ'האָט אים אָפּגעטרעטן אַ פוס, שיער נישט אָפּגעריסן אַ פּאָלע. מ'האָט אים נישט באַמערקט, נישט אומגעקוקט זיך אויף אים, און דאָס צונויפגעוואַקסענע רעדל האָט זיך ווייטער געהויבן און געטופּעט שווער מיט די לעצטע אָטעמס, מיטן לעצטן כח.

ר׳ שמואל-יאָסי איז אַוועקגעגאנגען אַביסל ווייטער, ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון פון דער זייט מיט איין אויג אַביסל צוגעמאַכט:

— אוּ . . . אוּ . . . קינדער . . . אה . . . נו . . . נו . . .

האָט ער געזאָגט צוגעדושעט מיט זיין ווייבעדיקן פאַרחדושטן האַלבן ברומען צו זיך אַליין אין דער גרויער באָרד אַריין:

— אוּ . . . אוּ . . .

און ער איז צוגעגאַנגען און אַריינגעדרייט אַביסל דאָס לעמפל, וואָס איז געשטאַנען אויפן געזימס פונם אויוון מיטן געטראַסקעטן גלעזל, פאַרקלעפּט מיט א פארסמאלעט שטיקל פאפיר, ס׳זאָל נישט אויסברענען אזויפיל נאפט.